Hebr Ej 310

Postovsqi un Levin

# זיפצען פונעם הארצען.

# שירים

פון

יעקב פאסטאווסקי און בנציון לעווין.

אדעססא

בדפוס האחים בלעטניצקי

תרס"ד.

# זיפצען פונעם הארצען.

# שירים

פון

יעקב פאסטאווסקי און בנציון לעווין.

אדעססא
בדפוס האחים בלעטניצקי
תרס"ד.

**„Зифценъ фунемъ гарценъ"**

т. е. ВЗДОХИ ОТЪ ДУШИ.

**СТИХОТВОРЕНІЯ**

Якова Постовскаго и Бенціона Левина.

Тип. Бр. Блетницкихъ, Одесса, Полицейская, № 21.

Дозволено цензурою Одесса, 17 Іюня 1904 г.



מתתיהו ב"ר יעקב
ד"ר הערצל.

## נִישְׁטָא אוּנְזֶער בְּרוּדֶער!

דוּ הָאסְט לִיכְטִיג גִילוֹיכְטֶען פַאר מִיר וִוי אַ שְׁטֶערְן,
אוּנ הֶעל מִיר בַּאלַייכְטֶעט מַיין נַאכְט,
דוּ הָאסְט לִיכְט אָנְגֶעצוּנְדֶען מִיר לִיכְטִיג זָאל וֶוערֶען,
אַ שְׁטְרַאהל אִין דֶער פִינְסְטֶער גֶעבְּרַאכְט.

---

אוּנ דוּ בִּיסְט פַארְגַאנְגֶען אוּנ עֶלֶענְד אִיז וִוידֶער
פַארְבְּלִיבֶּען דַיין אוּמָה אַלֵיין. —
זָאג-קַדִיש מַיין פָאלְק, נִישְׁטָא אוּנְזֶער בְּרוּדֶער!
אִיהְם וֶועלֶען מִיר שׁוֹין קֵיינְמָאל נִיט זֶעהֶען!!!

יעקב פאסטאווסקי.

* *
*

פַארְבָּארְגֶענֶע טְרֶערְהֶען וָואס רִינֶען נִיט אוֹיס,
וָואס זִיפְצֶען אוּן הָאפֶּען אוּן קוּקֶען אַרוֹיס,
וָואס שְׁטֶעהֶען אִין הַארְצֶען וִוי שְׁפִּיזֶען גֶעשְׁטֶעקְט —
הָאבֶּען מַיין פֶּעדֶער פוּן שְׁלָאף אוֹיפְגֶעוֶועקְט.

אוּן בַּאלְד אִיז מַיין פֶּעדֶער גֶעלָאפֶען גֶעשְׁוִוינְד,
גֶעבְּרַאכְט מִיר אַ טִינְטֶער אַ פוּלֶען מִיט טִינְט,
אַ לִיכְט אָנְגֶעצוּנְדֶען, פוּן לֶיעבֶּע אַ שְׁטְרַאהְל
בֶּעלַייכְטֶעט דִי סְטֶעזְשְׁקֶע פוּן אַלְטֶען מוֹרַאל.

גֶעבְּרַאכְט מִיר אַ בּוּך, פַּאפִּיֶער אוֹיך אַ בּוֹיגֶען,
אַ גְלָאז וָואס פֶּערְגְרֶעסֶערְט, אַ בְּרִיל צוּ דִי אוֹיגֶען;
אִין גַייסְט נַאצִיאָנַאל מִיר פֶּערְוִויקֶעלְט מַיין לַייב,
גֶעזֶעצְט מִיך בַּיים טִישׁ אוּן גֶעזָאגְט צוּ מִיר: —שְׁרַייבּ!

יעקב פאסטאװסקי

# מַיין עֶרְשְׁט בְּלֶעטֶעל.

בֶּעשְׁרִיבֶּען אִין רַייטֶען גִיזוֹיבֶּערְט,
אִין בּוּך אַלֶעסְדִינְג וָואס בֶּעוֶועגְט מִיך,
דִי קְרַאפְט פוּן דֶער פֶּען מִיך בַּאצוֹיבֶּערְט,
זִי גִיט מִיר קֵיין רוּה, נָאר זִי זַייגְט מִיך!

וִוי אַייזֶען צוּ מַאגְנֶעט זָא צִיהְט:
דִי פֶּעדֶער מַיין הַאנְד צוּם פַּאפִּיֶער;

אִיךְ מֶעג זַיין פַאדְהַארֶעוֶועט מִיעֶד ,
כ׳מוּז שְׁרַייבֶּען חָאטְשׁ שִׁירָה׳לִיךְ פֵּיעֶר .

אוּנ שְׁטְרֵיינְג אָן מִיט כֹּחַ מַיינֶע פִינְגֶער ,
כ׳דְרִיק אוֹיס מַיין גֶעפִיהְל אִין אַ לִיעֶד !
אִיךְ רֶעד אוֹיס מַיין הַארְץ וֶוערְט מִיר גְרִינְגֶער —
מִיט דֶער פֶּען גִיס אִיךְ אוֹיס מַיין גֶעמִיטה ,

* * *

וַויהִין אִיךְ וֶוענְד נָאר מַיינֶע אוֹיגֶען
אוֹיף מַיין פָאלְק אָ ! לִינְקְס אוּנ רֶעכְטְס ,
וֶוערְט מַיין בְּרוּסְט אִין קְלֶעם פַארְצוֹיגֶען
מִיט אַ שְׁוֶוערֶען טִיעֶפֶען קְרֶעכְץ .

זִיפְצֶען , קְרֶעכְצֶען , מָרָה־שְׁחוֹרָה —
אִיז מַיין פָאלְק דַיין אַלְטֶער גַאנְג ,
אַךְ ! דָאס זִיפְצֶען וַוארְפְט אַ מוֹרָא
אוּנ עֶס רוּפְט מִיךְ צוּם גִיזַאנְג ! . .

בנציון לעווין.

# אַ אָסְיֶען־בִּילְד.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶען אַ בִּילְד גִימָאהְלֶען ,
וָואס אַיין קוּנְסְטְלֶער הָאט גֶעמַאכְט ,
בֶּערְג פֶּערְוִויסְטֶע , טִיעֶפֶּע טְהָאלֶען ,
זוּנֶקען אִין אַ אָסְיֶען נַאכְט .

אַ וַואלְד אַ טִיעֶפֶער , בּוֹימֶער אַלְטֶע ,
שְׁטֶעהֶען נַאֶקעט וִוי פַארְקְלָאגְט —
וַוינְטֶען נַאסֶע , וִוינְטֶען ־קַאלְטֶע ,
פִיהְלְט זִיךְ וִוי עֶס טְרָאגְט .

אוּן אַ דִיקֶער וָואלְקֶען־שָׁאטֶען . . .
קוּקְט פוּן אוֹיבֶּען אַזוֹי שְׁוַוארְץ !
אַךְ ! דָאס בִּילְד אִיז פּוּנְקְט גֶערָאטֶען :
אָפּ גִימָאהְלֶען נָאךְ מַיין הַארְץ !!

יעקב פאסטאוויסקי.

# הֶערְבְּסט.

טִיעֶף אִין הַארְצֶען ְקלַאפְּט—נָאר הוֹל —
פוּן ַקיין פְרֶעהְלִיכְַקיט ַקיין בְּרוֹיז ,
עֶס ְקלַאפְּט גֶעפִיהְלֶען שְׁוֶוערֶע אוֹיס ,
מַחֲשָׁבוֹת , פִּינְסְטֶערֶע אַ גְרוֹיל . . .

מִיט אַ שְׁוֶוערֶע וָואלְֶקען־וַואנְד
אִיז דֶער הִימְמֶעל אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט ,
ס׳שְׁלָאגְט זִיךְ דוּרְךְ אַ שְׁטְרַאהל מִיט נוֹיט,
גְרוֹי אוּן טוּנְֶקעל קוֹים עֶס שַׁיינְט . . .

הוֹילֶע סְטֶעפֶּעס אוּמֶעדוּם . . .
אוּן דִי פֶעלְדֶער וִויסְט אוּן לֶער . . .
פוֹילֶע גְרָאזֶען נָאר נִיט מֶעהְר ,
ַקיין צֶערְטְלִיךְ ְקוַוייטֶעלֶע ,ַקיין בְּלוּם !

בַּייטָאג וַוארֶעמְט נִיט דִי זוּנְן ,
בַּיינַאכְט שְׁמֵייכְלֶען נִיט דִי שְׁטֶערְן ,
וֶועט נָאךְ עֶנְדְלִיךְ וַוארֶעם וֶוערֶען
אוּן דִי פֶעלְדֶער וִויעֶדֶער גְרִין ?!

בנציון לעווין.

# װעק זײ אױף!

איך שטעה אונ קוק אַרױס פון פענסטער
  אױף דיר שטורעם װי דו יָאגסט,
איך הער דיך רױשען אין דער פינסטער,
  איך הער דו יָאמערסט אונ דו קלָאגסט;

יָאגסט אַרום, דו שטאַרקער שטורעם,
  פליהסט מיט גַדלות אין דער לופט,
װעקסט אױף טױטע פון די קבָרים,
  װעקסט אױף יעדען װער ס'שלָאפט! —

װעק זשע שטורעם אױף דעם רַײכען!
  װעק דעם שלעכטען װעלכער לַאכט!
װעק דעם נַאר אונ אױך זַײן גלַײכען...
  װַײז דָאס ליכט זײ װעלכעם לַײכט!...

װעק זײ אױף—גענוג זײ שלָאפען!...
  הַאלט דָאס ליכט, זײ זָאלען זעהען,
אַ זומער טָאג איז פַאר זײ אָפען —
  צַײט איז זײ שױן אױף צו שטעהען!

קלַאפ זײ אָן דָארט אין די טיהרען,
  שטעה ניט שטורעם, װַײטער יָאג!
זָאג זײ זָאלען זיך שױן ריהרען
  אין דרױסען איז שױן הַאלבער טָאג...

יָאגט זשע װינטען אורַאגַאנען,
  לַײרעמט פליהט אין אַלע עקען!..

קלאפּט איהר דונערען, קאנאנען!
איילט, די שלעכטע גיך אויף וועקען!

רייסט די לאדען, שויבען, דעכער,
מאכט צו זייער שלאף א סוף;
יאגט זשע גיכער! ווייטער! העכער!
גיכער גיכער וועק זיי אויף!!...

יעקב פאסטאוסקי.

# עס לאזט זיך האפען.

געדאנקען שווערע די אלטע פראגע
בעשעפטיגט מיר מיין זינען:
איך טראכט, בערעכען אלץ מיין לאגע
איין ענטפער צו געפונען.

אונ די פראגע בלייבט די זעלבע,
זי לאזט זיך ניט בעשיידען '
זי ווערט פערענטפערט אויף קיין זילבע
איך זינק אונ קוואל פון ליידען...

אונ די ליידען זינגען סאלעס
מיט בייזע שטריינגע שטימעס;
פינאלען לאנגע ווי דער גלות —
וואס מאכט מיין לעבען נמאס.

ניטא קיין לוסט אין רייכע קליידער,
אין לוקסוס זיין בעשעפטיגט;

אֵיינְצִיג נָאר מַיין לִיעֶבֶּע פֶּעדֶער
מוּטְהִיגְט מִיךְ אוּנ קְרֶעפְטִיגְט.

אוּנ דִי מוּזֶע צַייטְלִיךְ קוּמְט,
עֶרְוֶועקְט מִיר דִי גֶעפִיהְלֶען,
צוּ פְרִיהֶער, שְׁפֶּעטֶער, אוּמְבֶּעשְׁטִימְט —
עֶס הֵיינְגְט אָפּ פוּן אִיהר ווִילֶען.

אוּנ פוּן אִיהר הִימְלֶעשֶׁען בּוּקֶעט
שֵׁיינְקט זִי מִיר אַ רָאזֶע:
גֶענוּג בֶּעזָארְגְט זַיין מַיין פָּאֶעט —
טְרֵייסְט מִיךְ, רֶעדְט מַיין מוּזֶע:

קוּם—זָאגְט זִי—אִיךְ וֶועל דִיךְ פִיהְרֶען,
צוּ מִזְרָח לָאמִיר רֵייזֶען;
שְׁרַייבּ אוֹיף וָואס אִיךְ וֶועל דִיקְטִירֶען,
זֶעה נָאר זָאלְסְט נִיט גְרַייזֶען.

דַיין צַייט, מַיין יוּד אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען,
וַוייגֶען אוּים—אַיין עֶנְדֶע!
נָאר אַיין אַנְדֶער שְׁנִיט גֶענוּמֶען
הָאבֶּען דַיינֶע אוּמְשְׁטֶענְדֶע.

גֶענוּג מִיט טְרֶעהְרֶען אִיז בֶּענָאסֶען
דַיינֶע הִיסְטָארִיֶע בְּלֶעטֶער!
זֶעה דִי הֶעלֶע מִזְרָח-פַּאסֶען,
עֶס בַּייט זִיךְ אוּם דָאס וֶועטֶער.

אַלְלֶעס נֶעמְט אַיין אַנְדֶער מַרְאֶה,
אַ לַאנְדְשַׁאפְט וֶוערְט אַ שֵׁיינֶער;

דִי זוּנְן צוּ זֶעעֶט דִי דִיקֶע חְמַארֶע —
עֶס וֶוערְט דַיין הִימְמֶעל רֵיינֶער...

זֶעהסְטוּ דָארְט קָאלָאנִיֶעס גְרִינֶע:
גֶעפְּלַאנְצְט פוּן דַיינֶע יוּדֶען?
גְלֵייבּ, אוֹיף מֶעהרֶער הָאבּ אֶמוּנָה.
אַרְבַּייט זֵיי צוּ פְרֵיֶעדֶען!..

הֶערְסְטוּ דָארְטֶען צוֹיבֶּער־קְלַאנְגֶען,
זֶעהסְטוּ יוּדֶען קְלוֹיבֶּען?
מִיט הִימְמֶעל דַאנְקְבַּאר לוֹיבּ נֶעזַאנְגֶען
דִי זִיסֶע פוּרְפוּר טְרוֹיבֶּען?

דָארְט הָאבֶּען לַאנְג גֶעפוּנֶען רוּה:
דֶערְנֶער, ווִילְדֶע קְרַייטֶער,
גֶעשַׁאפְט הָאט אַלְלֶעס עֶנֶערְגִיֶע
הָאף אוּנ אַרְבַּייט וַוייטֶער.

קֶער דַיין אוֹיג, צוּם אַלְטֶען לַאנְד!
שֵׁיינְק דַיין הַארְץ, דַיין זִין;
דַיין גַייסְט, דַיין מוּטְה, דַיין הַאנְד.
דָארְט אַהִין, אַהִין!!

בנציון לעווין.

# אומזוסט גערעדט.

(א ריידע פון א יונגען לעהרער).

רבותי! איך מוז אייך בעקאנט מאכען פריהער,
אום דעם איהר זאלט וויסען, ווער סרעדט דא פאר אייך:
קוקט ניט מיט אויגען מיט יענע אויף מיר,
ווי אויף די, וואס פלוידערן א סך.

איך בין ניט קיין מגיד, וואס פאהרט אין דער וועלט
אין די שוהלען דארט זאגען פיעל דרשות;
איך רעד ניט ווי יענע מגידים פאר געלט,
און האב אויך ניט יענעמס בקשות. —

און מיינע פאר פראסטע נאר אמת'ע ווערטער,
זענען פאר אייך ווי געמאסטען געוואוגען,
זיי נוצען אין לעבען פאר אייך אין פיעל ערטער,
זיי לאכען און קרעכצען, און קוקען מיט אויגען.

אלזוי רבותי! איך בעט נאר איין זאך:
איהר זאלט פון מיין רעדען ניט מאכען דער פון,
הערט זיי, פערשטעהט זיי פאר אמת פאר גלייך;
אין קורצען רבותי הערט אויס—איך פאנג אן!

* *
*

איך פרעג אייך, זאגט מאמעס, איהר יודישע טאטעס!
וואס גיט איהר אייערע קינדער זא א מין לעהרע?
איהר אליין קויפט זיי וואס מעהרער שמאטעס
און ציהט אויף זיך חובות נאר שווערע!

אויף ליענטעס, אויף האנדשיה, אויף פודרע און פאמאדע,
אויף פארב און בעלילע, און נאך וואס זיי פעלט,
אויף א שירעם, א וועער, אויף א קלייד נאך דער מאדע
בארגט איהר און לעבט ניט און צאהלט וואכענגעלט!

און א קנאבעל מיט ברויט אט דאס עסט אייער מיידעל
און קאפיקעס קלייבט זי ביז שבת אויף זייף;
זי מאטערט איהר קערפער און מאכט זיך א קליידעל
פון אונטען א שלעפע, פון פארענט—א שלייף.

און זעקעלעך, שיכלעך מיט הויכע אבצאסען,
אין א הוט מיט פיעל בלומען, א טאליע גאנץ איידעל;
און רוישט באלד ארום ווי א ווינט אין די גאסען
און רופט זיך „מאריעטע" ניט מרים א מיידעל.

און שבת גאנץ פריה ביי דעם שפיגעל אין דער היים
מאהלט זי דאס פנים אין אכצעהן קולירען:
מיט רויטען, מיט ווייסען, מיט שווארצען די ברעם
און לויפט באלד מיט אינגלעך שפאצירען.

אין גערטנער, בולווארען—דארט זענען זיי פול,
אין פינסטערע געסלעך ביז שפעט אין דער נאכט;
און זינגען זיך ליעדלעך פון ליעבע גאנץ שטיל.
און די הערצער פון ליעבע פערשמאכט.

און איהר טאטעס פרעגט דען אמאל זיי די פראגע:
צו קען זיי דאס אלעס וואס ברייננגען א נוטץ?

צוּ וֶוערְט פוּן דֶעם לִיעֶדעל פֶערְבֶּעסֶערְט אִיהר לַאגֶע,
צוּ בְּרֵיינְגְט אִיהר דֶען גְלִיק אָט דִי מָאדֶע דֶער פוּץ

צוּ קֶען זִי נִיט לֶעבֶּען אָן לִיפֶּען־פָּאמַאדֶע,
צוּ קֶען זִי נִיט זַיין דֶען אָן פְלֶעשְׁלֶעךְ דוּכִי?
צוּ פֶעהלְט אִיהר דֶעם קַבְּצָן, נִיט מֶעהר וִוי דִי מָאדֶע,
צוּ קוּמְט אִיהר גֶעזוּנְד פוּן דֶעם אַמָאל צוּ?!

צוּ קוּקְט אִיהר דֶען טַאטֶעס אוֹיף אַייֶערֶע טֶעכְטֶער,
צוּ זֶעהְט אִיהר וִוי זֵיי וֶוערֶען זָא שֶׁענְדְלִיךְ צוּ לָאזְט?
צוּ הֶערְט אִיהר פוּן זֵיי דָאס ווִילְדֶע גֶעלֶעכְטֶער,
צוּ זֶעהְט אִיהר זֵיי טוּהְן', דָאס וָואס נִיט פַּאסְט?!..

אוּנ אַייֶערֶע יוּנְגְלֶעךְ, זֶעהְט, לוֹיפֶען אִין גַאס,
נִיט זִיצֶען בַּיים רֶבִּי'ן אַ שָׁעָה אִין זַיין חֵדֶר,
פֶערְהֶערְט זְשֶׁע טַאטֶעס! צוּ זֵיי קֶענֶען—אַ אוֹת,
צוּ וֵוייסֶען זֵיי וִוי הַאלְטֶען אִין הַאנְד גָאר אַ פֶּעדֶער...

נָאר פוּסְטֶע בַּחוּרִים דָאס וַואקְסֶען זֵיי אוֹיס.
אוּנ לֶערְנֶען זִיךְ זִיטֶען אִין טַאנְצְקְלַאס נָאר דָארְט;
נָא, קוּקְט זֵיי אָן טַאטֶעס, וֶוען זֵיי וֶוערֶען גְרוֹיס,
צוּ קָאנֶען זֵיי גְלַייךְ רֶעדֶען מִיט מֶענְשֶׁען אַ וָוארְט?

אוּנ אִיהר אַלֵיין טַאטֶעס, טוּהְט אוֹיךְ גֶענוּג פֶעהְלֶער,
אִיהר גִיט גָאר־קֵיין מָאהְל נִיט־קֵיין עֶרֶענְסְטֶן טְרַאכְט'
אִיהר וֵוייסְט נָאר דֶעם וַויין אוּנ זִיצֶען אִין קֶעלֶער,
אוּנ קוּמֶען אַ הֵיים וִוי „יֶענֶע" בַּיינַאכְט...

און בַּאלְד אִין גֶעלֶעגֶער אָהן כֹּחַ אַרַיין פַאלֶען ,
אָפְּלִיעֶגֶען דִי נַאכְט שְׁטוּם וִוי אַ לֵיים ,
און מַאכֶען וִוי „יֶענֶע" דִי אָפְּטֶע סְקַאנְדַאלֶען ,
און גֶערֶעכְט בְּלַייבֶּען ווִילְט אִיהר אוֹיף דֶעם ?!

וָואס זְשֶׁע קֶענֶען זִיךְ לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער פוּן אַייךְ ,
אַז אִיהְר אַלֵיין טַאטֶעס גִיט קַיין הַשְׁגָחָה ;
דַאן וַואקְסֶען זֵיי אוֹיס אָהן לֶעהְרֶע און אָהְן שְׁפְּרַאךְ ,
און קַאנֶען אֲפִילוּ קַיין פְּרָאסְטֶע מְלָאכָה .

נָא לֶערֶענְט זֵיי, טַאטֶעס, וָואס נוּטְצְלִיךְ, וָואס גְלַייךְ ,
וָואס לֵיעבּ אִיז, וָואס שֵׁיין, וָואס אֵיידֶעל, וָואס פַיין ,
לֶערֶענְט דִי קִינְדֶער דִי יוּדִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ ,
לִיעֶבֶּע צוּם פָאלְק דַאס פְלַאנְצְט אִין זֵיי אַיין !..

לֶערֶענְט זֵיי טַאטֶעס זֵיי זָאלֶען פֶערְשְׁטֶעהְן —
דֶערְצֶעהְלְט זֵיי פוּן הֵיילִיגֶען לַאנְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ;
עֶרְקְלֶעהְרְט זֵיי, וֶוער ס'זֶענֶען דִי יוּדֶען גֶעוֶועֶן ,
וָואס הָאבֶּען גֶעלֶעבְּט זִיךְ דָארְט גְלִיקְלִיךְ אַמָאל !..

דֶערְצֶעהְלְט זֵיי פוּן פַּרְעה'ן, פוּן הָמָן הָרָשָׁע ,
דֶערְצֶעהְלְט זֵיי וָואס הָאט מִיט דֶעם יוּדֶען פַּאסִירְט ;
זָאגְט זֵיי, עֶרְקְלֶעהְרְט זֵיי, וֶוער אִיז אוּנְזֶער מֹשֶׁה ,
וָואס הָאט דִי יוּדֶען פוּן גָלוּת גֶעפִיהְרְט .

דֶערְצֶעהְלְט זֵיי דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלֶען דָאס וִויסֶען ,
וִוי מֶען הָאט זֵיי גֶעבְּרֶענְט און גֶעשְׁנִיטֶען .

וִוי בְּלוּט אִין דִי גַאסֶען פְלֶעג טַייכֶען וַויים פְלִיסֶען,
אוּנ דוּרְךְ וִוי עֶר הָאט נָאר גֶעלִיטֶען!...

— אָה! דָא בֶּעפַאלְט מִיךְ אַ צִיטֶער אַ שׁוֹידֶער,
מַיין הַארְץ הֵייבְּט אָן וֵויינֶען—עֶס טְרִיעֶפְט זִיךְ מַיין בְּלוּט.
עֶס הֵייבְּט מִיר אָן קְלַאפֶּען מַיין יוּדִישֶׁער אָדֶער;
אוּנ דֶערפִיהְל בַּאלְד אַז אִיךְ בִּין דֶער „עֶוִויגֶער יוּד"!...—

נָא, לֶערֶענְט זְשֶׁע, אִיהְר טַאטֶעס, אוֹיךְ אַייעֶרֶע קִינְדֶער,
זֵיי זָאלֶען אוֹיךְ פִיהְלֶען דָאס יוּדִישֶׁע בְּלוּט;
זֵיי זָאלֶען קֵיינְמָאהל זִיךְ אָבְּטְהֵיילֶען בֶּעזוּנְדֶער,
אוּנ בְּלַייבֶּען אוֹיף אֵייבִּיג אִין הַארְצֶען אַ יוּד!!

נָאר נִישְׁט יוּדֶען אַזוֹינֶע וָואס בַּייטֶען דִי נֶעמֶען,
וָואס „יַעֲקֹב" אוּנ „מֹשֶׁה" פַּאסְט נִיט פַאר זֵיי,
וָואס מִיט „חַיִים" אוּנ „דָוִד" זָאל עֶר זִיךְ נִיט שֶׁעמֶען,
אוּנ נִישְׁט זִיךְ אָנְרוּפֶען פוּן—„מָרְדְכַי"—„מַאטְוֵויי"!

נָאר יוּדֶען אַזוֹינֶע וָואס „מֹשֶׁה" זָאל פַּאסְטֶען,
דִי קִינְדֶער אוֹיךְ גֶעבֶּען אַ יוּדִישֶׁע לֶעהְרֶע;
נִישְׁט נָאר אַז יָאלְקֶעס זָאל גֶעלְט זֵיי אָפּ קָאסְטֶען
אוּנ טְהֵיילֶען נָאר צְדָקָה פַאר עֶהְרֶע!...

טֶעכְטֶער אָהְן מָאדֶעס, אָהְן פוּדְרֶע, אָהְן קְרַאסְקֶע,
מִיט יוּדִישֶׁע נֶעמֶען נָאר פָּשׁוּט אוּנ פְּרָאסְט;
נִישְׁט פַּיין אוֹיף קָאטָאוֶועס אוּנ טְרָאגֶען אַ מַאסְקֶע!..
נִישְׁט זָאגֶען אַז „מַלְכָּה" פַאר אִיהְר גָאר נִיט פַּאסְט.

אוּנ אִיהְר מַאמֶעס זַייט אוֹיךְ מֶעהְר אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען
צוּ אַייֶערֶע יוּנְגְלֶעךְ אוּנ מֵיידְלֶעךְ,
וַוייזְט זֵיי דִי וֶועלְט אוּנ דָאס יוּדִישֶׁע לֶעבֶּען
נִישְׁט מָאדְנֶע נָאר מַאכֶען דִי קְלֵיידְלֶעךְ.

---

אִין קוּרְצֶען רַבּוֹתַי! אִיךְ וִויל אַייךְ נִיט שְׁטְרָאפֶען,
אוּנ מֵיינְט נִיט אַז אִיךְ הָאבּ פוּן אַייךְ דָא גֶעשְׁפֶּעט...
אַךְ! וָואס הֵייסְט דָאס—אִיךְ זֶעה אַייךְ גָאר שְׁלָאפֶען!!..
נָא! צוּ וֶועמֶען זְשֶׁע הָאבּ אִיךְ דָא גֶערֶעדְט?!

יעקב פאסטאווסקי.

# אִיךְ זוּךְ.

אִיךְ זוּךְ דִי פֶּערְגַאנְגֶענְהַייט
טִיֶעף אִין זִכָּרוֹן,
אוּנ גֶעפוּן נִיט־קֵיין לִיכְטִיגֶען
טָאג, חָאטְשׁ אַיין קְלָארֶען;
פִינְסְטֶערֶע טֶעג נָאר
פוּן אָנְהוֹיבּ בֶּעגִינֶען...
רַק וָואלְקֶענְס אוּנ וָואלְקֶענְס
פַארְדֶעקֶען מַיין זִינֶען!

---

אוּנ אִיךְ טַאפּ אִין דֶער פִינְסְטֶער
מִיט שְׁמֶערְצְלִיכֶען פַּיין —

ווי אַ בְּלינְדֶער וָואס זֶעהְט נִיט
אִין לֶעבֶּען קיין שֵׁיין.
אוּנ עֶס פְרֶעגְט זִיךְ מִיט וֶועהְטָאג
אִין טִיעֶפֶען גֶעדַאנְק:
אַךְ! וֶועט נָאךְ לַאנְג פִינְסְטֶערֶען?
פִינְסְטֶערֶען לַאנְג?!

בנציון לעווין.

# דָאס וַואנְדֶערְפֵייגֶעלֶע.

פוּן מַיינֶע רָאזֶע פְרִיהְלִינְגְס בְּלוּמֶען
פוּן מַיין גְרִינֶעם בּוֹים אוּנ צְוַוייגֶעל,
בִּין אִיךְ וַוייט אִין לוּפְט פֶערְשְׁווּאוּמֶען
אוּנ פֶערְלָאזְט מַיין שְׁטַייגֶעל.

פֶערְלָאזְט מַיין הֵיים מַיין קִינְדֶער-נֶעסְט,
פֶערְלָאזְט דָארְט זַייעֶר שְׁטוּב,
פֶערְלָאזְט מַיין אַלְטֶע מוּטְטֶערְס טְרַייסְט
פֶערְלָאזְט וָואס מִיר אִיז לִיעֶב.

פֶערְלָאזְט הָאבּ אִיךְ—אוּנ בִּין גֶעפְלוֹיגֶען:
אִין שְׁלֶעכְטֶער לוּפְט אִין הִיץ!
פוּן מַיין פֶעלְד זִיךְ וַוייט פֶערְצוֹיגֶען,
פֶערְלָאזְט מַיין אַלְלֶעס גוּטְס;

אוּנ אִיךְ הָאבּ דֶערְזֶעהֶען אַ וֶועלְט
מִיט פֵייגֶעל ווִילְדֶע שְׁלֶעכְטֶע,

מִיט קֶעפְּלִיך גְרָאבֶּע, וָואס זֵיי פֶּעלְט:
וֶוערְטֶער אַ פָּאר רֶעכְטֶע...

אִיך בִּין אַרָאפּ, גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהֶען
דָארְט אוֹיף אַ טְרוּקֶען צְוַוייגֶעל
אוּנ „יֶענֶע" הָאבֶּען מִיך דֶערְזֶעהֶען,
פֶּערְשְׁפַּארְט מִיך אִין אַ שְׁטַייגֶעל...

אוּנ דִי פְלִיגֶעל אַיין גֶעבּוּנְדֶען,
גֶעדְרַאפֶּעט מִיט דִי נֶעגֶעל,
גֶעפִּיקְט, גֶעמַאכְט מִיך דוּרְך וואוּנְדֶען
הָאבֶּען דָארְט מִיך יֶענֶע פֵייגֶעל.

אַרַיין בִּין אִיך דָאס צוּ אַ רַייכֶען,
צוּ אַ גְרוֹיסֶען „פַּאן וֶועלְמָאזְשֶׁע",
וֶועלְכֶער פְּלֶעג מִיר זָאגֶען לַאכֶען:
„נַא דְיַאבְּלָא טִי פָּאחָאזְשֶׁע"!

עֶר פְּלֶעג מִיר וַוארְפֶען אַ מַטְבֵּעָה,
בֶּעצָאהלֶען פַאר מַיין זִינְגֶען,
אוּנ נָאך זַיין ווִילֶען, נָאך זַיין דֵעָה
פְּלֶעג אִיך מוּזֶען שְׁפְּרִינְגֶען.

אוּנ פוּן דֶעם פַּאן בִּין אִיך אַנְטְלָאפֶען
אוּנ וַוייטֶער שְׁלֶעכְט אַרַיין...
וַוייטֶער הָאבּ אִיך אוֹיך גֶעטְרָאפֶען:
גָאר אַיין אַנְדֶער פַּאן...—

און איצט וויל איך אין אַלטען גאָרטען,
צוריק צו מיינע פֿייגעל —
צוריק אַהין—אַהין אָן דאָרטען!..
קוקט יעצט שאַרף מיין אייגעל!!..

יעקב פאסטאווסקי.

# טְרֶעהְרֶען.

שְׁוואַרְצֶע טְרָאפֶּען פון מיין פֶּעדֶער
פאלֶען אויף מיין בְּלַאט געדיכט,
און מיט שְׁמֶערְצְלוּסְט פאלְט אַ שׁוידֶער
און מָאהלְט מיר בִּילְדֶער שְׁוואַרְצֶע נֶעכט!—

מיר דאכט—איך זיץ אין שְׁוואַרְץ געבּיי,
טונְקְלֶע שָׁאטֶענְס פול מיין וואַנְד,
עס פִינְכְטֶערְט דיק געדיכט ווי בְּלַיי,
אַז איך זעה ניט אָן מיין האַנְד,

און עס קוּמְט מיר אויף מיין זינען:
אֶפְשַׁר איז מיין אויג שוין בְּלינְד?
און דאָס בְּלִיקֶען איז אַנְטְרינֶען
און זעה ניט מעהר נָאר פְּלֶעקֶען טִינְט!

נֵיין, ניט עס טונְקְלֶען מיינע אויגען:
זיי פֶערְשְׁטֶעלְט האָט נאָר מיין טְרֶעהר;
ער האָט בְּלוּטִיג זיי בֶּעצויגען
און ער דְרוּקְט זיי, פְּרֶעסְט זיי שְׁוֶוער! —

יָא, אִיהר זֶענְט דִי טְרֶיעף וָואס־קאפֶּען —
אִיהר זֶענְט מַיינֶע, אִיךְ דֶערְקֶען!
אִיהר גִיט־קַיין חַיִי שָׁעָה־קַיין טְרָאפֶּען
אָ, וֶוערְט פֶערְפְלָאסֶען פוּן מַיין פֶּען!!

בנציון לעווין.

# ר' מָאנֶעש אִין מְשׁוּגָעִים־הױז.

דוּרְךְ אוּים
אִיז דָאס הױז
טִיהְר אוּנ פֶענְסְטֶער פֶעסְט פַארְרוּקְט,
אוּנ דִי זוּנְן
זֶעה אִיךְ נִיט אָן
עֶס שְׁטִיקְט מִיךְ דָא אוּנ שְׁטִיקְט...

אוּנ אִיךְ לִיעג
דָא וִוי אַ פְלִיעג,
שְׁטִיל דָא אִין דֶער מִינֶע,
אִין דֶער טוּנְקֶעל
אִין אַ וִוינְקֶעל
צְוִוישֶען פַּאאוּטִינֶע...

זְשׁוּקֶעס, גְרִילֶען,
קְרָאקָאדִילֶען,
הִינְט, וַואמְפִּירֶען אָהְן אַ שִׁיעוּר,
רֶעוֶוען, בְּרוּמֶען,
קְוויטְשֶׁען, זְשׁוּמֶען,
וָואיֶען, הַאוְקֶען בַּיי דֶער טִיהְר...

אוּן מִיקְרָאבֶּעס,
גְרִינֶע זְשַׁאבֶּעס,
וֶוערֶעס, שְׁלַיינְג אוּן שְׁפִּינֶען,
צִיפֶּען, רַייסֶען,
מִיךְ אוּן בַּייסֶען,
אוּן שְׁרַייעֶן אִיךְ בִּין פוּן זִינֶען . . .

אַ חַיָה, א פוּקס,
אַ שֵׁיינְס, אַ קְלוּגְס,
אַ קְלוּגְס—מִיט חָכְמָה פוּל,
לוֹיפְט אַרוּם
אוֹיךְ אוּמֶעדוּם
אוּן שְׁרַייעֶט אַז אִיךְ בִּין דוּל . . .

אוּן נָאךְ אַ חַיָה —
נִיט-קֵיין נַייֶע
מִיט קוּרְצֶע פִּיסְלֶעךְ פִּיֶער . . .
קְווִיטְשֶׁעט, חְרַאפֶּעט,
שְׁפְּרִינְגְט אוּן דְרַאפֶּעט
גְלַייךְ אִין פָּנִים מִיר . . .

נָא אוּן בִּיז וַואנֶען
וֶועל אִיךְ קָאנֶען
דָא לִיעֶגֶען אִין דֶעם קֶעלֶער ? . .
אוּן וָואס נִיט
זָאל זַיין גוּט
אוּן שְׁווַייגֶען אוֹיף דֶעם פֶּעלֶער ? . .

אוּן ווִי לַאנְג נָאךְ
וֶועט מֶען דָאךְ
מְשׁוּגֶע'נֶער מִיךְ רוּפֶען ?!.
אוּן פַאר וָואס
קוּמְט מִיר דָאס
פוּן מִיר לַאכֶען שְׁטִיפֶען ?!.

צוּ בִּין אִיךְ דֶען
דֶער וָואס קֶען
אַ פֶּעסְטֶען קוּלַאק מַאכֶען ?..
צוּ בִּין אִיךְ דֶער,
וָואס וֵוייסְט נִיט מֶעהְר,
נָאר שְׁפֶּעטֶען, זִידְלֶען, לַאכֶען ?!.

אָ נֵיין! נִיט אִיךְ בִּין
דִי גְרִיל, דִי שְׁפִּין,
דֶער וָוארֶעם, דִי מִיקְרָאבֶּע:
אַ מֶענְשׁ בִּין אִיךְ,
נִיט־קֵיין רוּחַ,
נִיט־קֵיין שְׁלַאנְג, ־קֵיין זְשַׁאבֶּע!!

נִיט אִיךְ רַייס,
נִיט אִיךְ בַּייס,
נִיט אִיךְ בִּין אַ ווִילְדֶער טִיגֶער,
אוּן נִיט ווִי דֶער
בֵּייזֶער בֶּער,
ווִי דֶער פוּקְס דֶער קְלוּגֶער...

צו איז מַיין מֹחַ
שוין גָאר אָהן כֹּחַ,
צו בִּין איך דֶען פֶערְדָארְבֶּען ?
צו איז מַיין בְּלוּט
נִיט רֵיין נִיט גוּט,
צו בִּין איך דֶען גֶעשְׁטָארְבֶּען ? ..

אָ נֵיין, איך לֶעבּ !
איך פִיהְל, איך גְלֵייבּ,
איך פִיהְל זִיך, יָא איך פִיהְל !
איך פִיהְל אַ טְרֵייסְט
פוּן אויסְגֶעלֵייזְט,
איך פִיהְל איך בִּין נִיט דוּל !

אַ הַא, איך הֶער,
אַ מֶענְש אַהֶער
לויפְט מִיט אַ גֶערוּדֶער,
גְלַייך צוּ מִיר
צוּ דֶער טִיהְר,
אוּנ שְׁרַייֶעט ֶער איז מַיין בְּרוּדֶער !

איך הֶער ֶער שְׁרַייֶעט:
— ֶעס איז שוין צַייט
פוּן דַאנֶען מִיך בֶּעפְרַייֶען,
אַז דִי שְׁלֶעכְטֶע
אוּמְגֶערֶעכְטֶע:
זָאלֶען מֶעהְר נִיט שְׁרַייֶען ! ..

דַיין בְּרוּדֶער אִיךְ
וֶועל דִיר הֶעלְפֶען גִיךְ ,
פַאר דִיר בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפֶען . . .
מִיךְ הָאט גֶעשִׁיקְט
דַיין גָאטְט , וָואס קוּקְט ,
וָואס גִיט דִיר כֹּחַ צוּ הָאפֶען ! . .

חַא , חַא ! אִיךְ לַאךְ
שׁוין בַּאלְד פוּן אַייךְ ,
פוּן אַייךְ , אִיהְר אַלְלֶע קְלוּגֶע ! . .
אוּנ בַּאלְד אַלֵיין
וֶועט אִיהְר דֶערְזֶעהְן :
אַז נִיט אִיךְ בִּין מְשׁוּגֶע ! ! . .
חַא . . . חַא . . . חַא . . . . . .

יעקב פאסטאווסקי.

# דִי הוֹיכֶע פִּירַאמִידֶע .

אוֹיף אַ הוֹיכֶע פִּירַאמִידֶע
גְלַאנְצְט אוּנ עֶס בְּלִיצְט ,
פוּן דֶעם נָאמֶען יְהוּדָה ,
וָואס דָארְט אִיז גֶעקְרִיצְט .

דִי אוֹתִיוֹת פִּינְקְלֶען
ווִי גָאלְדֶענֶע זַיילֶען ,
פֶערְשְׁפְּרֵייטֶען אִין דֶער טוּנְקֶעל
גַאנְץ לִיכְטִיגֶע שְׁטְרַאהְלֶען .

זַיי לַייכְטֶען , בֶּעשַׁיינֶען
דֶעם פִינְסְטֶערֶען וֶועג . . .
זַיי עֶרְוֶועקֶען דֶערְמַאנֶען
דִי לִיכְטִיגֶע טֶעג :

וֶוען מִיר הָאבֶּען שְׁטָאלְצִירְט
אִין דֶעם אֵייגֶענֶעם לַאנְד ,
אוּנ מִלְחָמוֹת גֶעפִיהְרְט
מִיט דִי יוּדִישֶׁע פַיינְד .

אוּנ פַיינְד מִן הַסְתַּם ,
אוּנְז פֶעלֶען קֵיינְמָאל נִיט
וִי זַאמְד בַּיי דֶעם יַם ,
וָואס הָאט גָאר קֵיין צָאהְל נִיט !

אוּנ אַ גְרֶעק אַלִיפֶּערְן
מִיט אַיין אַרְמֶיעַ הֵיידֶען
הָאט גֶעזָאלְט אוּנְז צוּ שְׁטֶערֶען ,
דִי יְרוּשָׁה פוּן זֵיידֶען . . .

דִי טְהַייֶערֶע יְרוּשָׁה —
דֶעם מָארַאל, אָט דֶעם רַייכֶען
וָואס הֵייסְט : „תּוֹרַת מֹשֶׁה“.
אוּנ הָאט גָאר קֵיין גְלַייכֶען !

נִיט מִיטָאלָאגִיֶע
אַ פוּסְטֶע לֶעגֶענְדֶע ,
אַ הוֹילֶע פַאנְטַאזִיֶע
פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיז עֶנְדֶע . . .

פוּן גֶעטֶער אוּנ גֶעטֶער
פִּיֶעל אָהְן אַיין ,עק :
אַ גָאטְט פוּנֶעם וֶועטֶער ,
אַ גָאטְט פוּן גֶעוֶעג ;

אַ גָאטְט פוּן מִלְחָמָה ,
אַ גָאטְט פוּן גִיוֶועהְר ,
אַ גָאטְט פוּן נְקָמָה ,
פוּן פֶּערְד מִילִיטֶער . . .

אוּנ ,עס וִויל זִיךְ אִיהְם גְלוֹיבֶּען ,
דֶעם גִבּוֹר דֶעם שְׁלֶעכְטֶען ,
אוּנְזֶער רֵייכְטְהוּם בֶּערוֹיבֶּען
אוּנ אוּנְז זִיךְ פֶּערְקְנֶעכְטֶען . . .

עֶר פְלִיהְט וִוי אַ פוֹיגֶעל
צוּם יוּדִישֶׁען טוֹיֶער ,
עֶר שִׁיט וִוי אַ הָאגֶעל
דִי פַּיילֶען אַין מוֹיֶער .

עֶר פֶּערְנִיכְטֶעט דִי בּוֹימֶער —
דֶעם יוּדִישֶׁען שַׁאץ ,
אוּנ דֶער יוּדִישֶׁער שׁוֹמֵר
שְׁטֶעהְט פֶּעסְט אוֹיף זַיין פְּלַאטְץ ! . .

עֶס שְׁרֶעקְט נִיט דֶעם וֶועכְטֶער,
עֶס נֶעמְט אִיהְם־קַיין שְׁטוּרֶעם,
עֶר שְׁרַייֶעט מִיט גֶעלֶעכְטֶער
אַרָאפּ פוּן דֶעם טְהוּרֶעם :

— דוּ נַארֶעשֶׁער רִיצְאֶר !
וֶוער הָאט פַאר דִיר מוֹרָא !
מַיין שְׁטֶענְדִיגֶער שִׁיצֶער —
אִיז גָאטְט אוּנ זַיין תּוֹרָה !..

נַיין נִיט אוֹיף צוּ שְׁלַאכְטֶען —
הָאט גָאטְט אוּנְז בֶּעשַׁאפֶען ;
אִיהְר זָאלְט אוּנְז בֶּעטְרַאכְטֶען
פַאר נִידְרִיגֶע שְׁקְלַאפֶען ;

אִיהְר זָאלְט פוּן אוּנְז לֶצֶ'ן
מִיט גִיפְטִיגֶען שְׁמֵייכֶעל ,
אַרַיין שְׁטֶעלֶען גֶעטְצֶען
אִין הֵיילִיגֶען הֵיכֶל ?..

אוּנ מִיר זָאלֶען שְׁוַוייגֶען
אָפְּטְרֶעטֶען דָאס אָרְט !
וַוי טְרוּסֶען נִיט וַואגֶען
דִיר זָאגֶען ־קֵיין וָוארְט ?!

דָאס וֶועט נִיט ֶערְלוֹיבֶּען
דֶער זוּהְן פוּן .יִשְׂרָאֵל —
עֶר אִיז פֶעסְט אִין זַיין גְלוֹיבֶּען
פִיֶעל הַארְטֶער פוּן שְׁטָאהְל !—

---

אוּנ יְהוּדִית דִי פְרוּמֶע
פוּן דִי יוּדִישֶׁע טֶעכְטֶער
הָאט דִי הֵיידְנִישֶׁע אוּמָה
גֶעמַאכְט צוּ גֶעלֶעכְטֶער . . .

מִיט גַייסְט פָאל נְקָמָה
מִיט דֶעם שׂוֹנֵא גֶעעֶקְט ,
אוּנ אַלִיפֶערְנֶם נְשָׁמָה
פוּן דֶער עֶרְד אָפְּגֶעמֶעקְט !..

בנציון לעווין.

# קִינְדֶער לִיעֶדֶער.

אַ קִינְד וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט אִיצְט זַיין ,
אַ קִינְד חָאטְש אוֹיף אֵיין שָׁעָה ; .
אוּנ דֶער רֶבִּי זָאל מִיךְ לֶערְנֶען :
קָמֶץ אַלְף אָ !.

אוּנ שְׁפִּיעֶלֶען זִיךְ אִין בְּלִינְדְזִיקַייט
מִיט דִי הֶענְטְלִיךְ טַאפֶּען !
אוּנ מַיין חַבֶר קוּנְצֶענְדִיג :
אִין דֶער פִינְסְטֶער חַאפֶּען .

שְׁפִּיעֶלֶען זִיךְ אִין פֶערְדֶעלֶעךְ
זוּמֶער אִין דֶעם וַואלְד ,
רַייטֶען אוֹיף אַ שְׁטֶעקֶעלֶע ,
וָואלְט אִיךְ אִיצְט גֶעוָואלְט !

זִיךְ שְׁפִּיעֶלֶען מִיט מַיין צִיגֶעלֶע
וֶוען קְלֵיין דָאס אִיז אוּנ בְּלִינְד
גְלֶעטֶען עֶס, דֶעם שְׁרַייֶען מֶעעֶ !
וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט אַצוּנְד .

* *
*

כְּ'וָואלְט וֶועלֶען אִיצְט זִינְגֶען נַאאִיוו וִוי אַ קִינְד,
כְּ'וָואלְט טַייֶער גֶעשֶׁעצְט יֶענֶע לִיעֶדֶער —
וִוי נֶעמְט מֶען דִי זִיסֶענְקֶע לִיעֶדְלֶעךְ אַצוּנְד —
אַיי זִינְגֶען זַיי, זִינְגֶען זַיי וִוידֶער!

כְּ'וָואלְט וֶועלֶען דָאס לִיעֶדֶעלֶע זִינְגֶען וָואס פְרִיהֶר:
מַיין אַלְטֶעטְשֶׁקֶען נִגוּן פוּן זֵיידֶען.
כְּ'וָואלְט וֶועלֶען זַיין הַארְפֶע אִיצְט גִיבֶּען אַ רִיהְר,
אֵיין סְטְרוּנֶע אָנְטַאאפֶּען מִיט פְרֵיידֶען!

יעקב פאסטאוואסקי.

# אַ פְרִיהְלִינְגס לִיעֶד.

לַאנְג הָאט אִין מַיין בְּרוּסְט גֶעוִוינְטֶערְט
בֵּייזֶע פְרֶעסְט פוּן שְׁוֶוערֶען פַּיין,
אַ נַייֶער מַיי הָאט מִיךְ דֶערְמוּנְטֶערְט:
מִיט אַ לִיעֶבֶּער זוּמֶער־שַׁיין. —

זוּמֶער שְׁוֶועבְּט אִין מַיין נְשָׁמָה,
וַוארֶעם אָטְהֶעמְט מַיין גֶעמִיטְה —
אוּנ אַ שְׁטְרַאהְל אַ פוּנְק נְחָמָה:
הָאט מַיין קַאלְטֶע בְּרוּסְט צוּגְלִיהְט...

אוּנ מַיין הַארְץ בֶּעוֶועגְט זִיךְ בְּרֵייטֶער
שָׁאקֶעלְט פוּן זִיךְ אָפּ דֶעם רָאסְט...

אוּן דֶעם יֵאוּש'דִיגֶען שׁוֹידֶער
וָואס דֶער ווִינְטֶער הָאט גֶעלָאזְט ! . .

אוּן מַיין קַאלְטֶער פְלוּסס פוּן שְׁמֶערְצֶען ,
וֶוערְט צוּ רִינֶען , נֶעמְט אַ סוֹף —
עֶס וַואכְט שׁוֹין אוֹיף דִי בְּלוּם אִין הַארְצֶען
פוּן אִיהְר הַארְטֶען ווִינְטֶער-שְׁלָאף ! !

בנציון לעווין .

# אִין שְׁלָאף .

אִיךְ שְׁלָאף אוּן עֶס וַוייזְט זִיךְ מִיר אוֹיס אַזוֹי לֶיעבּ :
אַ זִיסֶער, אַ גֶעטְלִיכֶער טְרוֹים ,
אִיךְ צִיהר מִיר מַיין פֶעלְד, אִיךְ פוּץ מִיר מַיין שְׁטוּבּ ,
אִיךְ פְלַאנְץ אִין מַיין גָארְטֶען אַ בּוֹים ;

אִיךְ קְוֶועל פוּן מַיין קְוַואל וָואס גְלַאנְצְט ווִי קְרִיסְטָאל ,
אִיךְ שְׁפִּיגֶעל זִיךְ אָן אִין מַיין טַייךְ . . .
אִיךְ קְוֶועל פוּן מַיין גְרִינֶעם בֶּעוַואקְסֶענֶעם טְהָאל . . .
אִיךְ קְוֶועל יָא, אִיךְ קְוֶועל אִיךְ בִּין רַייךְ !

נִיט חָלוֹם זִיךְ טְרוֹים אִין שְׁלָאף אִין מַיין הַארְטֶען !
נִיט מַאךְ אִין חֲלוֹמוֹת מִיךְ רַייךְ ! . .
נִיט וַוייז מִיר אִין דְרִימֶעל דֶעם גָאלְדֶענֶעם גַארְטֶען !
אָ , שֵׁיינְק אִיהְם מִיר דַאן וֶוען אִיךְ וַואךְ ! ! . .

יעקב פאסטאווסקי

# בִּיז וַואנֶען.

אָ, בִּיז וַואנֶען וֶועט בַּאפֶעהְלֶען
מִיךְ דֶער טִיעֶפֶער טְרוֹיֶער ?
אוּן בִּיז וַואנֶען וֶועט נָאךְ קְוֶועלֶען
מִיךְ דֶער לַאנְגֶער דוֹיֶער ?

וֶועט דֶען קֵיינְמָאל זַיין קֵיין עֶנְדֶע
קֵיינְמָאל מִיר גֶעלוּנְגֶען ?
וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל זַיין אוּמְשְׁטַאנְדֶע
פְרֶעהְלִיכְם עֶפֶּעם זִינְגֶען ? !

אוּן נָאר אִין אוּמֶעט, טְרוֹיֶער שְׁטֶענְדִיג,
וַוייְנֶען זַיין גֶעצְווִינְגֶען ?
נֵיין מַיין זֶעלֶע, כְּ׳בִּין אָפְּעֶנְדִיג,
פְרֶעהְלִיכְם לָאז מִיךְ זִינְגֶען!..

וִוי אִיךְ זָאל מִיךְ נִיט בֶּעוֶועגֶען,
עֶרְפְרֵייֶען מִיר מַיין סְטְרוּנֶע,
קוּמְט דִי יוּדֶען-מוּזֶע אַנְטְקֶעגֶען
מִיט אִיהְר טְרוֹיֶער-מִינֶע...

אָט דִי מָרָה-שְׁחוֹרָה-מִינֶע,
וָואס זִי הָאט קֵיין גְלַייכֶען,
זִי דֶערְמָאנְט מַיין אַלְטֶע קִינָה,
בַּיי דִי בָּבֶלְ׳ם טַייכֶען...

און די מוזע זאָגט מיר צו:
זינגען וועסטו יודעל
נאָך אַמאָל דיין מעלאָדיע
פון דיין פרעהליך ליעדעל . . . —

בנציון לעווין.

# אויף קבר אבות.

איך גיה אַרום אויף אַ בית־עלמין
און זוך מיין זיידענס קבר דאָרט,
איך פרעג די מתים פון די קברים
אפשר ווייסען זיי דאָס אָרט?

און די קברים שטעהען, קוקען,
קיינער ריהרט זיך ניט פון אָרט,
אַללע שווייגען, אַללע שטומען,
קיינער ענטפערט מיר קיין וואָרט . . .

שטום און שטיל, רוהען, שלאָפען,
טוידטע קערפער, פוילע ביינער,
און אַ ווינטעל בלאָזט פון מזרח
אויף די קברים, אַלטע שטיינער.

אויף די הויכע אַלטע ביימער
גיבען קוים זיך וואָס אַ ריהר,
אַללע קוקען ווי מיט אויגען
און זיי נייגען זיך פאַר מיר.

אוּנ דִי יוּנְגֶע גְרִינֶע בְּלֶעטְלִיךְ :
רוֹישֶׁען , צִיטֶערֶען , פוּן וִוינְד ;
אוּנ דִי בֵּיימֶער , אַךְ ! זֵיי פְרֶעגֶען :
זָאג וְוִיהִין גֶעהְסְטוּ יוּדִישׁ־קִינְד ? !

---

— „אוֹיף־קֶבֶר אָבוֹת צוּ מַיין זֵיידֶען ,
צוּ דֶעם וָואס הָאט מִיךְ טְרַיי גֶעווִיעֶגְט ;
אִיהְם מַיין זֵיידֶען , אַךְ ! אִיהְם זוּךְ אִיךְ ,
וַוייזְט מִיר בּוֹימֶער וְוִי עֶר לִיעֶגְט !

וַוייזְט מִיר בּוֹימֶער אָן דֶעם־קֶבֶר ,
וַוייזְט מִיר אָן דֶעם אַלְטֶען שְׁטֵיין ,
וַוייזְט מִיר אָן דֶעם וֶועג צוּם זֵיידֶען ,
אָ וַוייזְט מִיר וְוִיהִין צוּ גֶעהֶען ” ! —

---

טְרַאכְט נִיט פִיעֶל , דוּ יוּדִישׁ־קִינְד ,
קוּק אִין מִזְרָח זַייט —
אַהִינְצוּ קוּק , וֶועסְטוּ דָארְט זֶעהֶען
דַיין אַלְטֶע זִיסֶע צַייט !

דָארְטֶען וֶועסְטוּ אוֹיף דֶעם וֶועג
טְרֶעפֶען פְרִיהְלִינְגְס־בְּלוּמֶען ,
אוֹיף אַיין־קֶבֶר אוֹיסְגֶעקְרִיצְט :
דַיין אַלְטֶען זֵיידֶענְס נָאמֶען !

אַהִינְצוּ קוּק דוּ יוּדִישׁ־קִינְד ,
אַהִין אוֹיף־קֶבֶר אָבוֹת ,

דָארְטֶען לִיעגֶען אַלְלֶע דַיינֶע —
אַלְלֶע דַיינֶע אָבוֹת !

קוּק אָהְן פַּחַד—הָאבּ קֵיין מוֹרָא ,
דֶעם וֶועג הָאבּ גוּט אִין זִינֶען,
קוּק אַהִין דָארְט , וֶועסְט נִיט בְּלָאנְדְזֶען ,
גֶעווִיס וֶועסְטוּ גֶעפִינֶען . . .

יעקב פאסטאווסקי.

# רַאטֶעוֶועט.

גֶעוַואלְד עֶס בְּרֶענְט ,
ס׳סְמָאלֶען דִי וֶוענְט ,
עֶס בְּרֶענֶען מַיינֶע דִירוֹת !
אַ צָרָה , אַ קְלָאג ,
שׁוֹין נִיט אֵיין טָאג
בְּרֶענְט אַלְץ מַיינֶע_עֲשִׁירוֹת !

גֶעוַואלְד, גֶעוַואלְד ,
מַיין זִילְבֶּער, גָאלְד ,
וָואס קָאסְט מִיךְ אַזוֹי טַייֶער !
דִי בְּרִילְלִיאַנְטֶען . . .
דִי דִיאַמַאנְטֶען . . .
בְּרֶענֶען אַלְלֶע אִין פַייֶער ! . .

מַיין אַלְטֶע שְׁטוּבּ ,
וָואס מִיר אִיז לִיעבּ ,
וֶוערְט פֶערְבְּרֶענְט אוֹיף פִיל !

דִּי סְפָרִים בִּיכֶער,
רַאטֶעוֶועט גִיכֶער,
גֶעוואַלְד עֶס בְּרֶענְט דִי שׁוּהְל!..

פוּן טִיהְרֶען, לֶעכֶער,
שׁוֹיבֶּען, דֶעכֶער,
פְלִיהֶען פוּנְקֶען אִין דֶער הוֹיךְ;
אַ רַעשׁ, אַ טוּמֶעל,
בִּיז אִין הִימְמֶעל,
פוּן אַלְלֶע שְׁטִיבְּלֶעךְ וֶעצְט אַ רוֹיךְ!

פוּן קִינְדֶער שֵׁיינֶע,
פִּיצְלֶעךְ קְלֵיינֶע,
הֶערְט זִיךְ קוֹלוֹת קוֹים אַרוֹים;
זֵייֶערֶע בֵּיינְדְלֶעךְ,
וִוי דִי שְׁפֵּיינְדְלֶעךְ,
בְּרֶענֶען אִין דֶעם פַייֶער אוֹים;

חַאצְקֶעל, בֶּערֶעל,
צָדוֹק, שְׁמֶערֶעל,
שֶׁעפְּטֶעל, שַׁבְנֶא, טְרַייטֶעל, שָׁאוּל,
נְחֶמְיָה, שְׁמוּאֵל,
אוּנ אוֹיךְ גַבְרִיאֵל,
בְּרֶענֶען דָארְט אוֹיף קוֹיל!

אוּנ צִיפֶּע, צִירֶעל,
שְׁפְּרִינְצֶע, מִירֶעל,
קְרֶעכְצֶען, זִיפְצֶען גָאר אָהְן צָאהְל:

דִי זוּכְט אִיהר זוּהְן ,
דִי אִיהר מַאן בֶּנְצִיוֹן ,
דִי שְׁרַייֶעט גֶעוַואלְד, וואוּ אִיז.יִשְׂרָאֵל ?!

חַאפְּט אִין אֵיינֶעם ,
יוּדֶען , שְׁכֵנִים ,
עֶמֶער וַאסֶער אִין דִי הֶענְט
מַאכְט אַ גֶערוּדֶער ,
שְׁוֶועסְטֶער, בְּרִידֶער —
יִשְׂרָאֵל׳יקְס שְׁטִיבֶּעל בְּרֶענְט !..

אוּנ פְּלִיצְלוּנְג אֵיינֶער,
אַ יוּד אַ שֵׁיינֶער
הָאט פוּן וַוייטֶען זִיךְ צוּ שְׁרַייֶענֶן :
„הַאלְט נָאר הַאלְט,
אָט וֶועל אִיךְ בַּאלְד
אַ מִיטֶעל פַאר אַייךְ קְרִיגֶען״!

אוּנ אִיז מִיט כֹּחַ
אַרַיין אִין רוֹיךְ ,
בַּאלְד אָנְגֶעהוֹיבֶּען רוּישֶׁען ,
מִיט עֶמֶער, צִיבֶּער,
וִוי אַ גִבּוֹר ,
הָאט עֶר דָאס פַייֶער אָפְּגֶעלָאשֶׁען ...

אוּנ דִי פוּנְקֶען
זֶענֶען פֶערְזוּנְקֶען
בַּאלְד גֶעוָוארֶען אִין אֵיין בְּלִיק ,

און ציפּעס זוהן ,
און אויך בּענציון ,
לעבּען ווידער צוריק ! . .

ישׂראל'יק אויך ,
איז פון דעם רויך ,
געלאָפען פון דער בּלאָטע ,
און בּאַלד זיין פּעקעל ,
זיין טלית-זעקעל
געכאַפּט אונטער דער קאַפּאָטע . . .

און ער ישׂראל ,
האָט מיט אַמאָל
געכאַפּט אין האַנד אַ שטעקען ,
און איז געלאָפען ,
ווי נאָר געטראָפען ,
דאָרט „יענע" גיך אויף וועקען .

פון שטוב צו שטוב ,
ווי אַ לאַך , אַ גרוב ,
לויפט ער זאָגען אויף דער וועלט :
אוים פייער אוים
קריכט אַרוים ,
פרעהליך יודען לאַכט און קוועלט !

ישׂראל'יק געהט
שוין טריט בּיי טריט ,
איהם געהט אויך נאָך זיין דבורה ,

מִיט דֶעם פֶּעקעל,
טַלִית-זֶעקעל,
אִין הַארְצֶען משֶׁה'ס תּוֹרָה!..

יעקב פאסטאווסקי.

# דִי שְׁטֵיינֶערְנֶע חוּרְבָּה.

דִי שְׁטֵיינֶערְנֶע חוּרְבָּה, וָואס אִיז נָאךְ פֶּערְבְּלִיבֶּען
פוּן גֶעפַאלֶענֶע הֶעלְדֶען אַ זֵכֶר;
אוֹיף דִי הֶערְצֶער בַּיי זֵיי אִיז עֶר שַׁארְף אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען:
מִיט קְרִיצֶען, מִיט קַארְבֶּען אוּנ מִיט לֶעבֶער.

הוּנְדֶערְטֶער יָאהְרֶען פִּיעֶל אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער
אִין לֶענְדֶער וְואוּ עֶר אִיז גֶעזֶעסֶען:
אִין רַייכֶע פַּאלַאצֶען, צוּ אִין פִינְסְטֶערֶע גְרִיבֶּער —
אִין זַיין חוּרְבָּה דָאךְ אַלְץ נִיט פֶּערְגֶעסֶען.

צוּם אֵייבִּיגֶען יָאהְר-צַייט אַם תִּשְׁעָה בְּאָב
בֶּעקְלָאגְט עֶר זַיין הֵיילִיגֶען טֶעמְפֶּעל:
וָואס דֶער פַיינְד הָאט גֶעמַאכְט צוּ זַיין רַייכְטְהוּם אַ סוֹף,
אוּנ פֶּערְדוּנְקֶעלְט דִי שַׁיין פוּן זַיין לֶעמְפֶּעל...

יָא, נָאר פֶּערְדוּנְקֶעלְט — אִין דָאךְ נִיט פֶּערְלָאשֶׁען,
אִיז פֶּערְבְּלִיבֶּען דָאס לֶעמְפֶּעל נָאךְ צַאנְקֶען:
דָאס לִיכְט הָאט מִיט מַאכְט אִין זַייעֶרֶע הֶערְצֶער גֶעפְלַאסֶען,
אוּנ בֶּעלֶעבְּט זַייעֶרֶע שְׁוַואכֶע גֶעדַאנְקֶען.

דער איצטיגער שוואכער—געוועזענער גבור,
זיין נאטור איז פונקט ווי דער ווארעם:
עס ווארפען איהם ווינטען, ער טרייסעלט אין פיבער —
טראגט איבער דעם שרעקליכסטען שטורעם . . .

ער גריבעלט, ער קריכט, ער וואנדערט אלץ אימער,
די וועגען ניט איבער צו צעהלען;
וואו אייביגע שנעהען, וואו שטענדיגער זומער,
צווארפען אין אללע וועלטס-טהיילען.

איהם ווארעמט די שיין—אט די שיין פון זיין לעמפעל,
בעלעבט איהם זיין גייסט און זיין זעל;
זיין קערפער פערזיעגעלט דער געטליכער שטעמפעל
בעלייכט איהם זיין וועג אזוי העל! . .

בנציון לעווין.

## נישטא אויף פסח.

נישטא אויף פסח וואו צו נעמען,
וואו צו לייען, וואו צו בארגען,
וואו צו בעטען, וועמען זאגען,
ווער זאל פיהלען מיינע זארגען.

ניט-קיין אנהויב, ניט-קיין סימן,
פון קיין מצות און פון שמאלץ,
אללעם פעהלט מיר וואס נאר נאהטיג—
איינם פארמאג איך מעהר פון אלץ.

אַלְלֶעס פֶעהְלְט מִיר—אֵיינְס פַארְמָאג אִיךְ :
יָאהְרֶען בִּיטֶער, טֶעג אוּנ נֶעכְט ! . .
אַלְלֶע צַייטֶען, נִיט נָאר פֶּסַח :
אִיז דֶער „מָ ר וֹ ר“ מַיין גִירֶעכְט ! . .

יעקב פאסטאווסקי.

## פְרִיהְלִינְגְס־לִיעֶדער.

שוֹין דֶער ווִינְטֶער
אִיז אַרוּנְטֶער
מִיט דִי קֶעלְטֶען
פוּן דִי וֶועלְטֶען
אוּנ דִי שְׁנֶעהֶען
זֵיי צוּ גֶעהֶען
פוּן דֶער וִוינְטֶער־וֶועלְט .
אוּנ דִי פְרֶעסְט,
דִי בֵּייזֶע גֶעסְט,
וֶוערֶען בְּלֵייבֶער,
וֶוערֶען וֵוייכֶער,
וֶוערֶען קְלֶענֶער
וֶוערֶען שֶׁענֶער,
אוּנ דֶער וִוינְטֶער פֶעלְט .

אוּנ בַּאלְד דֶער פְרוּמֶער,
זִיסֶער זוּמֶער,

קוּמְט אִין אַרֶעם,
מִיט דֶער וַוארֶעם,
זִיךְ צוּ לֵייגֶען,
מִיט זַיין רֶעגֶען,
רוּהִיג, פְרַאנְק אוּנ פְרַיי.

אוּנ דִי וֶועלְדֶער,
אוּנ דִי פֶעלְדֶער,
בְּלִיהֶען גְרִינֶען,
פְלֶעכְטֶען, שְׁפִּינֶען,
פוּצֶען, מָאהְלֶען,
בֶּערְג אוּנ טְהָאלֶען,
פַאר דֶעם שֵׁיינֶעם מַיי.

גְרִינֶע בְּלֶעטְלִיךְ,
שְׁמֵיעֶסֶען גֶעטְטְלִיךְ:
סוֹדוֹת שְׁטִילֶע,
אוּנ דִי לִילְיֶע,
וֶועקְט דִי בְּלוּמֶען,
זָאלֶען קוּמֶען,
צוּ דֶעם הוֹילֶען בּוֹים...

זַיין רָאסְט אָפּ וִוישֶׁען
אִיהְם בֶּעפְּרִישֶׁען:
מִיט זַאפְט אוּנ פְרוּכְט,
מִיט זוּנֶען לִיכְט,
אוּנ וַואכֶענְד וֶוערְט
דִי הַארְטֶע עֶרְד,
פוּן דֶעם ווִינְטֶער־טְרוֹים...

פֿױגְלֶען טְרִילֶען ,
לוּסְטִיג שְׁפִּיעֶלֶען ,
קְוָועלֶען , לַאכֶען ,
בַּײ דִי טַײכֶען ,
פִּישְׁטְשֶׁען , שְׁרַײעֶן ,
אוּנ בֶּעפְרַײעֶן :
זִיךְ פֿוּן װִינְטֶער-טְרִיעֶב . . .
אוּנ דִי זוּנְן ,
קוּקְט אַהִין :
וִוי עֶס בְּלָאזֶען ,
אױף דִי גְרָאזֶען ,
אוּנ פוּן דָארְט ;
קְלִינְגְט אַ וָוארְט :
אַךְ וִוי שֶׁעהְן וִוי לִיעֶב ! . .

* * *

שױן אָפְּגֶעוִוישְׁט דִי קאַלְטֶע טְרֶעהְרֶען ,
הָאט דֶער בױם פוּן זַײן גֶעזִיכְט .
אוּנ דִי אױגֶען אױף גֶעעֶפֶענְט :
צוּ דֶער זוּנֶען-לִיכְט .

אוּנ עֶר שָׁאקֶעלְט מִיט דֶעם קָאפּ נָאךְ ,
עֶר בַּאלֵייט דִי בֵּייזֶע פְרֶעסְט !
וָואס זֵיי הָאבֶּען אִיהְם אַם וִוינְטֶער ,
צוּ דֶער עֶרְד גֶעפְּרֶעסְט !

אוּנ עֶר גְלַײכְט שױן אוֹים זַײן רוּקֶען ,
אוּנ עֶר פִיהְלְט זִיךְ עֶפֶּעס פְרַײ ,

און דִי פֵייגֶעלֶעךְ זֵיי זִינְגֶען :
בוים, עֶס קוּמְט דַיין מַיי ! ! . .

יעקב פאסטאוויסקי.

# מַיין אַלְטֶער אוּנְטֶערְגַאנְג . . .

קְרַאנְק אויף מַיינֶעם בֶּעט פֶערְשְׁמַאכְט ,
טְרוים אִיךְ וַואכֶענְד, לִיעג פֶערְטְרַאכְט ;
דִי שְׁטוּבּ אִיז גְרויס, דִי בְּרֵייט , דִי לֶענְג ,
נָאר מִיךְ שְׁטִיקְט דָא, מִיר אִיז אֵיינְג . . .
נִיט צוּם לִיעגֶען , נִיט צוּם זִיצֶען ,
אַלְלֶע גְלִיעדֶער בְּרֶענֶען, הִיצֶען ,
שְׁוַואךְ , בְּלוּט-אַרֶעם , מִיעֶד אוּנ קְרַאנְק
פוּן מַיין אַלְטֶען אוּנְטֶערְגַאנְג . . .
פוּן מִיטְלֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען ,
אִיז פֶערְמוּטְשֶׁעט , שְׁוַואךְ מַיין גוּמֶען ,
פוּן יֶעדֶען דָאקְטָאר אוּנ זַיין רֶעצֶעפְּט
הָאט מַיין גֶעשְׁמַאק זִיךְ אויסְגֶעוֶועבְּט . . .

---

אַ מֶעדֶעצִין מִיר גָאר אַ פְּרָאסְטֶען ,
פֶעלְט צוּם קְרַאנְקְהַייט—וִוי גֶעמָאסְטֶען ;
דֶען פוּן יֶענֶע אַרְט רְפוּאוֹת
אִיז מַיין לֶעבֶּען מִיר שׁוין מִאוּס . . .

---

פוּן פְּרָאדוּקְטֶען אַ מֶעדֶעצִין
מַאכְט דָאקְטוֹירִים, אָט דֶעם מִין:
נֶעמְט פִיֶעל מֵיינוּנְגֶען אוּמְגֶעצֶעהֶלְטֶע,
קֶעפּ אוּנ שַׁארְבֶּענְם אוֹיסְגֶעהֵיילְטֶע,
רֶעזִיֶערְטֶע בֶּערְד, אוּנ לַאנְגֶע פֵּאוֹת,
רֶעלִיגִיאָזֶע אוּנ פְרַייֶע דֵעוֹת;
שְׁטֶעלְט צוּ נַאנְד אַ גְרוֹיסֶע כִּתָּה,
וִוי אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָאהְרֶען גוּטֶע:
אַ שְׁטָאלְץ אוּנ מוּטְהִיגֶען פֶּערְאַיין,
מִיט פֶעסְטֶע לִיֶעבֶּע אַחְדוּת טְרַייֶען!
הַאנְד אִין הַאנְד קֵיינְמָאל צוּ טְהֵיילְט —
אָט דָאקְטוֹירִים וָואס מִיר פֶּעלְט!..

בנציון לעווין.

# דִי יוּדִישֶׁע פַּאפִּירָאסֶען מַאכֶערֶען.

זִי אַרְבַּייט אוּנ אַרְבַּייט, זִי זִיצְט אַייִנְגֶעבּוֹיגֶען,
אִיהר פָּנִים אִיז בְּלֵייךְ וִוי דִי וַואנְד,
מָאגֶער דִי בַּאקֶען, דָאס בְּלוּט אוֹיסְגֶעזוֹיגֶען
פוּן זִיצֶען אוּנ יָאךְ אַייִנְגֶעשְׁפַּאנְט.

מִיט אוֹיגֶען פֶּערְטִיֶעפְטֶע צוּם טִישׁ אַייִנְגֶעגְרָאבֶּען,
זִיצְט זִי זִיךְ שְׁטִיל וִוי אַ טוֹיבּ;
אִיהר מַחֶ'עלֶע טְרַאכְט זִיךְ פוּן נַדַן אָנְקְלוֹיבֶּען
אוּנ אָטְהֶעמְט דֶעם גִיפְטִיגֶען שְׁטוֹיבּ.

אוּן טְרַייבְּט אִיהרֶע מָאגֶערֶע הֶענְד וִוי מַאשִׁינֶען ,
זַיי דְרֶעהֶען זִיךְ שְׁנֶעל ווִיי דִי רֶעדֶער,
זִי פְּלַייסְט זִיךְ וָואס מֶעהְרֶער אַ גְרָשֶׁען פֶּערְדִינֶען :
אוֹיף נַדַן אוֹיף חַתוּנָה־קְלֵיידֶער.

אָט דֶער נַדַן , דִי קְלֵיידֶער, זַיי פִּיקֶען אִיהר מֹחַ ,
זַיי דַארֶען אִיהר גַאנְצֶעס גֶעשְׁמַאלְט ,
זַיי צֶעהרֶען אִיהר מַארְךְ , אִיהר לֶעצְט בִּיסֶעל כֹּחַ,
זַיי מַאכֶען דֶעם פָּנִים אִיהר אַלְט ;

אַלְט וֶוערְט אִיהר פָּנִים, גֶערוּנְצֶעלְט דֶער שְׁטֶערֶען
סְ׳פֶּערְגַנְבֶ׳עט זִיךְ קְנֵייטְשְׁלִיךְ אַ פָּאר,
וָואס רוֹימֶען אִיהר סוֹדוֹת אִין אוֹיעֶר זָאל הֶערֶען :
בַּאלְד קוּמֶען דִי עֶלְטֶערֶע יָאהְר !..

אוּן אִיהר קֶעפֶּעלֶע טְרַאכְט , אִיהְר מוֹחַ׳לֶע קְלֶעהְרְט ,
אִיהְר הֶערְצֶעלֶע נָאגְט אוּן עֶס רַייסְט ! . .
אִיהְר הָאפֶענוּנְג שְׁטַארְבְּט , אוּן אִיהְר אֵייגֶעלֶע טְרֶעהְרְט...
אוּן אוּמְשוּלְדִיג פַאלְט זִי צוּ לַאסְט ! . . .

יעקב פאסטאווסקי.

# אַ חָלוֹם.

אוֹיף דֶעם הִימְמֶעל אִין דֶער פִּינְסְטֶער
הָאט אַ וָואלְקֶען זִיךְ גֶעאַיילְט ,
אוּן גְלַייךְ צוּ מִיר אִין פֶענְסְטֶער
הָאט אַ בְּלִיטְץ גֶעשְׁטְרַאהְלְט !

סְ׳הָאט אַ וָואלְקֶען זִיךְ גֶערוּקְט ,
פוּן וַוייטֶען אַזוֹי שְׁטְרֵיינְג !
מִיט כַּעס הָאט ֶער גֶעקוּקְט ! . .
זִיךְ פֶּערְצוֹיגֶען אִין דֶער לֵיינְג .

סְ׳הָאט אַ דוּנֶער זִיךְ צוּ שָׁאסֶען .
סְ׳הָאט אַ הִילְךְ זִיךְ גֶעהֶערְט ! . .
סְ׳הָאט אַ מַבּוּל זִיךְ צוּ פְּלָאסֶען
אוֹיף דֶער שְׁטוּמֶער ֶערְד . —

עֶס הָאבֶּען שְׁטוּרֶעמְס , בֵּייזֶע וִוינְטֶען !
זִיךְ דוּרְךְ אוֹיס צוּ שְׁפְּרֵייט ,
אִי פוּן הוֹיבֶּען , אִי פוּן אוּנְטֶען :
הָאבֶּען זֵיי גֶעדְרֶעהְט ! . .

אוּנ אִיךְ דַאכְט זִיךְ—בִּין גֶעפַאלֶען :
אִין אַ בְּרֵייטֶען טִיעֶפֶען טְוַואן . . .
צְוִוישֶען ֶעזְלֶען שְׁטַאלֶען :
וואו אִיבֶּעל , אוּנ אָהְן שַׁיין. . .

אוּנ אַרוּם זִיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזוּכְט :
אִין דֶער פִּינְסְטֶערְנֶעש אַ טִיהְר ,
דֶערְזֶעהֶען דִי שַׁיין פוּן לִיכְט ,
דִי וָואס גֶעהֶער צוּ מִיר ! . . —

אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אוּנ הָאבּ גֶעפוּנֶען :
נָאר נַאסֶע וֶוענְט פוּן נִיל . . .
זְשוּקֶעס , גְרִילֶען , שְׁפִּינֶען ,
שְׁפִּין-וֶועבּ פוּל , אוּג פוּל . . .

אוּן דֶער וָואלְקֶען מִיט דִי ווִינְטֶען
מַאכֶען דַאכְט זִיךְ שָׁלוֹם,
אוּן וַוארְפֶען מִיךְ אִין אוּנְטֶען . . .
— אַךְ ! אַ שְׁוֶוערֶער חָלוֹם ! ! . .

יעקב פאסטאווסקי

# אַיין אַרְבַּייטְס לִיעֶדעל.

אִיךְ זִיץ בַּיי מַיין אַרְבַּייט אוּן טְרַאכְט,
אִיךְ קְלֶעהר אוּן אִיךְ קֶען נִיט פַארְשְׁטֶעהֶען :
ווִי וֶוערְט עֶס אַ לִיעֶדעל גֶעמַאכְט,
מִיט קְלִינְגֶענְדֶע גְרַאמֶען זָא שֵׁיין ?

ווִי אַזוֹי שְׁרַייבְּט דָאס יֶענֶער אוּן פִיהְלְט,
דָאס וָואס פֶערְבָּארְגֶען בַּיי מִיר ?
אוּן טְרֶעפְט מִיר צוּ פּוּנְקט ווִי גֶעצִיעֶלְט,
ווִי עֶר וָואלְט מִיר גָאר קֶענֶען פוּן פְרִיהֶר.

עֶר מָאהְלְט מִיךְ אִין עֶטְלִיכֶע פַארְבֶּען :
בֶּעאַרְבַּייט מִיט וַויים אוּן מִיט שְׁוַוארְץ ;
עֶר קוּקְט דַאכְט זִיךְ נָאר אוֹיף מַיין שַׁארְבֶּען,
אוּן מָאהְלְט זִיךְ אַ בִּילְד—פוּן מַיין הַארְץ.

דָאס טְרַאכְט אִיךְ מִיר אַלְץ בַּיי מַיין אַרְבַּייט,
וֶוען אִיךְ זִיץ מִיר פֶערְטִיעֶפְט אוּן אִיךְ קְלַאפּ !
דֶער הַאמֶער פֶערְטוּמֶעלְט מַיין אַרְמוּטה,
אוּן פִיהְל—עֶפֶּעס זָאגְט מִיר אִין קָאפּ :—

— נֶעם—זָאגְט זִיךְ אַ פֶּעדֶער מִיט טִינְט,
פֶּערְשְׁרַייבּ דַיין גֶעדַאנְק אוֹיף פַּאפִּיֶער,
אֵיין גְרַאם דֶעם צְוֵוייטֶען גֶעפִינְט,
וֶועסְט שְׁרַייבֶּען: וֶועט וֶוערֶען אַ שִׁיר.

— אַזוֹי גָאר, אָט דָאם אִיז דִי קוּנְץ?
גְלַאט שְׁרַייבֶּען אוּן וַוייטֶער נִיט מֶעהְר!?
אַ גֶעשֶׁעפְט כְּ׳לֶעבֶּען — אַ שַׁאנְס!
וָואס זְשֶׁע הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁוִויגֶען בִּיז אַהֶער?

טָא שְׁוַוייג זְשֶׁע נִיט יַאנֶקֶעלֶע — טְרַאכְט אִיךְ,
אוּן רֶעד צוּ זִיךְ: זַיי נִיט־קֵיין נַאר;
מַאךְ דִיךְ פוּן גְרַאמֶען אַ בּוּךְ,
גֶעלְט וֶועסְטוּ נֶעמֶען דֶער פַאר...

אוּן בַּאלְד אָט דֶעם אַייזֶערְנֶעם הַאמֶער:
הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁלַיידֶערְט פוּן זִיךְ!
פֶּערְלָאזֶען דֶעם פִינְסְטֶערֶען־קַאמֶער,
אוּן גֶעלָאפֶּען אַהֵיים אִין דֶער גִיךְ.

כְּ׳הָאבּ קוֹים אוֹיסְגֶעזוּכְט מִיר אַ פֶּען,
מַיין בְּרִיל אָנְגֶעטוּהן אוֹיף דֶער נָאז,
אוּן פְּרִיוֶוען זִיךְ זֶעהֶען וָואס אִיךְ קֶען:
הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אָט דָאס. —

אוּן אָט הַאלְט אִיךְ דִי פֶּען וִוי דֶעם הַאמֶער,
אוּן זִי צִיטֶערְט אַזוֹי וִוי אִין־קַדָחַת!

אוּן עֶס פַאלְט מִיר אַרַיין אַ מִין „טָאמֶער״ :
גָאר שְׁרַייבֶּען פוּן גְלַאט בַּעֲלֵי־מְלָכוֹת .

קְלוּג , בְּנֶאֱמָנוּת — אַ זִינֶגען !
ס'אִיז רֶעכְט טְרַאכְט אִיךְ — לָאז זַיין אַזוֹי ,
אוּן עֶס הָאט זִיךְ אִין הַארְצֶען צוּרִינֶגען :
אַ בִּיטֶערֶער זִיפְץ , מִיט אַ אוֹי ! ! . .

* * *

אוֹי ! בְּרִידֶערְלִיךְ , אָרֶעמֶע בְּרִידֶער !
מִינָארְנֶע אִיז אוּנְזֶער מוּזִיק ,
מִיר זִינְגֶען מִיט טְרֶערֶען דִי לִיעֶדער ,
מִיר זוּכֶען אִין זֵיי אוּנְזֶער גְלִיק . .

דֶער שְׁנַיידֶער עֶר זִינְגְט בַּיי זַיין נָאדֶעל ,
דֶער שׁוּסְטֶער עֶר זִינְגְט בַּיי זַיין אָהְל .
דֶער שְׁמוּקְלֶער וֶוען דְרֶעהְט מִיט זַיין רֶעדֶעל ,
דֶער שְׁמִיעֶד וֶוען עֶר קָאוֶועט זַיין שְׁטָאל ;

דֶער שְׁמִיעֶד וָואס עֶר קָאוֶועט מֶעטַאלְלֶען ,
אוּן קְלַאפְּט אִין זַיין אַייזֶען וֶוען רוֹיט ,
פֶערְגֶעסְט זִיךְ אִין זַיינֶע מַאזָאלְיֶען ,
אוּן זִינְגְט זִיךְ זַיין לִיעֶדֶעל דוּרְךְ נוֹיט .

דֶער שְׁנַיידֶער אָהְן גִיזַאנְג קֶען נִיט נֶעהֶען ,
אִיהְם פֶעלְט צוּ דֶער אַרְבַּייט אַ לִיעֶד ,
זִינְגְט עֶר : פֶערְטְרַייבְּט דִי וֶועהֶען ,
דִי שְׁמֶערְצֶען פוּן זַיין יֶעדֶען גְלִיעֶד .

דֶער שוּסְטֶער עֶר קְלַאפְּט אִין זַיין קַאפִּיט ,
עֶר צִיהְט זִיךְ דֶעם לֶעדֶער אוֹיס לֶענְגֶער ,
דֶער שְׁוֵויים זַיינֶער גִיסְט אוּנ עֶר קַאפֶּעט ,
אוּנ זִינְגְט זִיךְ אַ לִיעֶדֶעל אוֹיס הוּנְגֶער .

דֶער סְטָאלְיַאר, דֶער שְׁלֶיעסֶער, דֶער בְּלֶעכֶער ,
דֶער שְׁמוּקְלֶער אוּנ נָאךְ אַלְלֶערְלֵיי :
פְּלַאגֶען זִיךְ אַלְץ צוּ לִיעֶב דֶעם סֶעכֶער ,
אוּנ זִינְגֶען מִיט אָךְ , אוּנ מִיט וֶועה !

* *
*

מִיר זִינְגֶען גְלַייךְ אַלְלֶע וִוי אֵיינֶער ,
עֶס שְׁנַיידְט אוּנְז דָאס לִיעֶד וִוי אַ מֶעסֶער !
עֶס שְׁטֶעכְט אוּנְז , עֶס שְׁפַּאלְט אוּנְז דִי בֵּיינֶער ,
מִיר זִינְגֶען אוּנ הָאפֶּען אוֹיף בֶּעסֶער . . .

מִיר הָאפֶּען אָ , יָא אוֹיף דֶעם הַאמֶער ,
אוֹיף דֶער שְׁטָאלֶערְנֶע פַּייל , אוֹיף דֶער שֶׁער ,
מִיר שְׁטַארְבֶּען אִין מַאנְגֶעל , אִין יָאמֶער ,
אֵיין לִיעֶד אוּנְז — בֶּעלֵייט מִיט אַ טְרֶעהְר ! . .

יעקב פאסטאווסקי

# אַייטֶע. *)

מִיט שְׁוֶוערֶע זִיפְּצֶען קִינְדֶערְשָׁע,
מִיט טְרֶעהְרֶען אוּן מִיט „אוֹי״!
מִיט קְרֶעכְצֶען שְׁוֶוערֶע, בִּיטֶערֶע
אוּן עֶפֶּעס שְׁטִיל אַזוֹי.

וויינְט דָאס קְלֵיינֶע מֹשֶׁה׳לֶע:
ס׳ווִיל אִין דְרוֹיסֶען „אַייטֶע״
ס׳בְּלִיפֶּעט דֶעם דָאס הֶערְצֶעלֶע,
ס׳רֶעדְט נָאר „טַאטֶע״, „טַאטֶע״!

ס׳צַאפֶּעלְט נֶעבֶּעךְ אוּן ס׳בֶּעט:
ס׳ווִיל דֶעם דְרוֹיסֶען זֶעהֶען,
ס׳פְּלוֹידֶערְט עֶפֶּעס קִינְדֶער־לָשׁוֹן,
ס׳ווִיל נָאר „אַייטֶע״ גֶעהֶען.

„אַייטֶע״ בֶּעט דָאס קִינְד אִין פֶעלְד,
ס׳ווִיל דִי לוּפְט דָארְט פִּיהְלֶען;
„אַייטֶע״ בֶּעט דָאס קִינְד דָאס קְלֵיינֶע,
מִיט שָׁאף זִיךְ דָארְטֶען שְׁפִּיעלֶען:

יָא, „אַייטֶע״ בֶּעט דָאס קִינְד אוּן זָאגְט:
דִי לוּפְט אִיז מִיר דָא שְׁוֶוער —
אוֹי! לָאז מִיךְ „טַאטֶע״ אַייטֶענִיוּ,
דָאס מָאל — אוּן שׁוֹין נִיט מֶעהְר!..

יעקב פאסטאווסקי.

---

*) אויף קינדער־לשון שפאצירען.

## בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְטְלִיךְ.

וֶוען כְ׳גִים אָן בּוימְהֵייל אִין מַיין לֶעמְפֶּעל
דִי וואוּנְדֶער־לִיכְטְלִיךְ אָנְצוּצוּנְדֶען,
קוּמְט מִיר אוֹיפֶען זִין מַיין טֶעמְפֶּעל:
אוּנ וֶועקְט מִיר אוֹיף מַיינֶע אַלְטֶע וואוּנְדֶען

אַלְטֶע, — אֵייבִּיג נַייֶע וואוּנְדֶען,
טִיֶעף זֶענְט אִיהְר אִין מִיר פֶערְזֶעסֶען!
זֶעלְטֶען, זֶעלְטֶען, טְרֶעפֶען שְׁטוּנְדֶען:
אִיךְ זָאל אַמָאל אִין אַייךְ פֶערְגֶעסֶען.

אוּנ וֶוען אִיךְ צוּנְד דִי לִיכְטְלִיךְ קְלֵיינֶע,
אוּנ יֶעדֶעם קְנֵייטֶעלֶע שִׁימְרִירְט:
דַאן עֶרְשַׁיינְט דָאס בִּילְד דָאס רֵיינֶע,
וָואס הָאט מִיט אוּנְז אַמָאל פַּאסִירְט!

* *
*

לִיכְטִיג לֶעבְּט אוֹיף אִין זִכָּרוֹן
אוּנְזֶער אַלְטֶער מַתִּתְיָהוּ,
מִיט זַיינֶע וֶועלְט־בֶּערִיהְמְטֶע קִינְדֶער,
פוּן דֶער גֶזַע „חַשְׁמוֹנָאִי״.

מִיט דֶעם ווִילְדֶען אַנְטִיָכוּס:
הָאבֶּען זֵיי גֶעשְׁלָאגֶען זִיךְ וִוי לֵייבֶּען,
אִיהְם וַוייט פֶערְיָאגְט פוּן אוּנְזֶער לַאנְד,
דִי פָּאהְן פוּן זֶעלְבְּשְׁטַאנְד אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען!

דִי פָאהְן פוּן פְרַייהַייט פוּן מַיין אוּמָה ,
הָאט אוֹיף יָאהְרֶען לַאנְג גֶעגְלַאנְצְט —
אוּנ צוּרִיק דָאס רֵיינֶע גְלוֹיבֶּען
אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער טִיעֶף פֶערְפְלַאנְצְט !

אוּנ וֶוען אִיךְ צוּנְד אַייךְ קְנֵייטְלִיךְ דִינֶע :
וַוארֶעמְט בְּרֵייט מִיךְ אַייעֶר שְׁטְרַאהל !
אָ, אִיהְר בְּרֵיינְגְט מִיר לִיכְט אִין לֶעבֶּען . . .
טְרֵייסְט אוּנ הָאפְנוּנְג אַ קְוַואל ! ! !

בנציון לעווין.

# בַּיי לִיכְט בֶּענְשִׁין.

אִין אַ קֶבֶר, אַ שְׁטִיבֶּעל, דֶער דַאךְ אַיינְגֶעפַאלֶען ,
פוּן שַׁייבְּלִיךְ צְוֵוי וַוייזְט זִיךְ אַ שַׁיין ,
וַוי דוּשְׁנֶע, וִוי רוֹיכִיג אוּנ עֶרְדֶערְנֶע פָאלֶען , —
אַהִין יֶעצְט גְלַייךְ קוּק אִיךְ אַרַיין .

אַהִין יֶעצְט, יָא, קוּק אִיךְ אִין שְׁטִיבֶּעל אוּנ זֶעה :
אַ קֶערְפֶּער, אַ מָאגֶער גִיזִיכְט ;
בַּיינֶער פֶערְטְרוּקֶענְטֶע, הֶענְד דַארֶע צְוֵוי :
הֵיינְגֶען אוֹיף בְּרֶענֶענְדֶע לִיכְט . . .

זֵיי הֵיינְגֶען, זֵיי פַאלֶען, זֵיי הֵייבֶּען זִיךְ אוֹיף ,
זֵיי שְׁלִיסֶען זִיךְ בֵּיידֶע צוּ זַאמֶען ;
דִי אוֹיגֶען זֵיי וֵוייגֶען מִיט פַייעֶר אַרוֹיף ,
מִיט פַייעֶר, מִיט הִיץ אוּנ מִיט פְלַאמֶען . . .

אִיךְ זֶעה דָאס גִיזִיכְט, דִי קָארְטְשֶׁען, דִי קָארְבֶּען,
דִי לֶעבֶער דִי צְוֵויי פוּן דִי אוֹיגֶען,
אוּנ וָואס מֶעהְר אִיךְ קוּק, מֶעהְר זֶעה אִיךְ דֶעם שַׁארְבֶּען,
מִיט אַ הוֹיט פוּן אַ טוֹיטֶען בֶּעצוֹיגֶען . . .

אִין אַ ווִינְקֶעל אוֹיף דֶער עֶרְד, לֶעבֶּען דֶער וַואנְד.
וואוּ עֶס פִיהְלְט זִיךְ פוּן נִיל דָארְט אַ רֵחַ,
שְׁטֶעקְט זִיךְ אַרוֹיס אַ הַאלְבּ טוֹידְטֶע הַאנְד,
פֶערְגְלִיוֶוערְט, פֶערְפְרוֹירֶען אוּנ בְּלֵייךְ . . .

צְוֵויי אוֹיגֶען וָואס רֶעדֶען אָהְן לָשׁוֹן אוּנ קוּקֶען,
שְׁטִיל פְלִיסְט זִיךְ אַ טְרֶעהְר נָאךְ אַ טְרֶעהְר,
אוּנ בֶּעטֶען: אַ בִּיסֶעלֶע וַויין צוּ דֶער קְווִיקֶען,
אַ פְרוּכְט מַאמֶע גִיבּ מִיר אַהֶער!

אוּנ דִי מַאמֶע דִי אַלְטֶע, דֶער דַארֶער סְקֶעלֶעט,
וֵויינְט בַּיי דִי לִיכְטְלִיךְ, וָואס צַאנְקֶען;
אִיהְר הַארְץ וֶוערְט צוּרִינֶען פוּן יָאמֶער אוּנ בֶּעט:
דֶעם הִימְמֶעל אַ הִילְף פַאר דֶעם קְרַאנְקֶען . . .

—גָאטְט! — בֶּעט זִי — גָאטְט, אַךְ גָאטְט, דוּ גֶעטְרַייֶער!
גָאטְט, וָואס דוּ הָאסְט אַלְלֶעס בֶּעשַׁאפֶען:
דַיין הִימְמֶעל, דַיין עֶרְד, דַיין וַואסֶער, דַיין פַייֶער,
צוּ דִיר, נָאר צוּ דִיר וֶועל אִיךְ הָאפֶען!

נָאר דִיךְ, דוּ גְרוֹיסֶער, דוּ הִימְלִישֶׁער גָאטְט,
דִיךְ בֶּעט אִיךְ דוּ זָאלְסְט מִיךְ אוֹיסְהֶערֶען!

אויסְהֶערֶען מַיין תְּפִילָה, מַיין הֶערְצְלִיךְ גִיבֶּאט.
מַיין יָאמֶער, מַיין קְרֶעכְץ, מַיינֶע טְרֶעהְרֶען !..

נָאר דוּ הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מַיין אֵיינְצִיג קִינְד:
אוּנ שִׁיק אִיהְם אַרָאפּ דַיין רְפוּאָה,
קוּק אוֹיף דֶעם יָתוֹם, וִוי קְרַאנְקֶער אִיז אַצוּנְד.
גָאטְט שִׁיק אִיהְם אַרָאפּ דַיין יְשׁוּעָה !..

דִיךְ גָאטְט ! וֶועל אִיךְ לוֹיבֶּען, לִיכְטְלִיךְ אָנְצוּנְדֶען,
צְדָקָה וֶועל אִיךְ יֶעדֶען גֶעבֶּען.
אַךְ, גָאטְטֶענְיוּ! גָאטְטֶענְיוּ! הֵייל זַיינֶע וואוּנְדֶען
אוּנ שֶׁענְק אִיהְם דֶעם קְרַאנְקֶען זַיין לֶעבֶּען !

קוּק גָאטְט פוּן הוֹיבֶּען, זֶעה דוּ אַלֵיין,
בֶּעטְרַאכְט נָאר דֶעם יָתוֹם יִשְׂרָאֵלִיק,
אִיהְם הָאסְטוּ גֶערֶעטֶעט פוּן גַאנְץ שַׁארְפֶע צֵיין:
פוּן אַ חַיָה אַ ווִילְדֶען עֲמָלֵק...

פוּן קֵייטֶען, פוּן שְׁוֶוערְדֶען, פוּן מֶעסֶער, פוּן שְׁפִּיזֶען,
פוּן פַיילֶען, פוּן פַייֶער, פוּן בְּלוּט !
פוּן בֵּייזֶע, פוּן שְׁלֶעכְטֶע, פוּן חַיוֹת, פוּן רִיזֶען,
דָאסְטוּ אִיהְם אַמָאל אָפְּגֶעהִיט...

נָא הִיט זְשֶׁע אוּנ רֶעטֶע דֶעם קְרַאנְקֶען אַצוּנְדֶער,
הִיט אָפּ דֶעם קְרַאנְקֶענְס גֶעזוּנְד,
רֶעטֶע אוּנ וַוייז אִיהְם הַיינְט אוֹיךְ דַיינֶע וואוּנְדֶער,
רֶעטֶע, אַךְ רֶעטֶע מַיין קִינְד !

גִיבּ אִיהְם זַיין קְרַאפְט, זַיין זַאפְט אִין דִי גְלִיעֶדֶער,
גִיבּ אִיהְם אוֹיךְ אוֹיגֶען צוּם זֶעהֶען,
הֵייבּ אוֹיף דֶעם קְרַאנְקֶען, אוּנ גִיבּ אִיהְם אוֹיךְ ווִיעֶדֶער,
כּחוֹת, עֶר זָאל קֶענֶען גֶעהֶען . . .

זָאלֶען דִי אוֹיגֶען לִיכְטִיג אִיהְם קוּקֶען,
דִינֶען זָאל אִיהְם זַיין פֶערְשְׁטַאנְד,
זָאל זִיךְ זַיין הַארְץ ווִיעֶדֶער אִיהְם קְווִיקֶען,
מִיט דִי פֵּרוֹת פוּן זַיין אֵייגֶען לַאנְד ! . .

אוּנ אַייךְ פוֹילֶע בֵּיינֶער אִיהְר טוֹיטֶע סֶקֶעלְיֶעטֶען,
אַייךְ בֶּעט אִיךְ אִיהְר זָאלְט אוֹיךְ נִיט רוּהֶען,
אִיהְר זָאלְט אוֹיךְ אִין הִימְמֶעל אַרוֹיף אוּנ דָארְט בֶּעטֶען —
פַאר אִיהְם, פַאר דֶעם קְרַאנְקֶען זִיךְ מִיהֶען . . .

דִי קוֹלוֹת אִין הִימְמֶעל דָארְט זָאלֶען זִיךְ הֶערֶען !
ווֵיינֶען זָאלְט אִיהְר גְלַייךְ מִיט מִיר,
דָארְט בֶּעטֶען : דֶער קְרַאנְקֶער יִשְׂרָאֵלִיק זָאל ווֶערֶען
גֶעזוּנְד אוּנ אוֹיךְ שֶׁעהְן זָא ווִי פְרִיהְר ! . .

*

* *

אוּנ דֶער קְרַאנְקֶער, דֶער חוֹלֶה, דֶער יָתוֹם יִשְׂרָאֵל,
לִיעֶגְט אִין דֶער נֶעטְץ אוּנ עֶר שְׁטוּמְט —
פַארְמַאכְט זַיינֶע אוֹיגֶען, פֶערְשְׁלָאסֶען דָאס מוֹיל —
דְרִימֶעלְט זִיךְ הַארְט אוּנ אִיהְם טְרוֹימְט . . .

יעקב פאסטאווסקי

# זִינְג פֵייגֶעלֶע זִינְג.

(לִיֶעד)

זִינְגֶען אוֹיף דֶער מֶעלָאדִיֶע פוּן רוּסִישֶׁען

(Пой ласточка пой).

1.

ווִיהִין בִּיסְטוּ מַיין פוֹיגֶעל פֶערְפְלוֹיגֶען ?
וַוייט אַזוֹי וַוייט גָאר אָהְן שִׁיעוּר ?
ווִיהִין הָאט עֶס דִיךְ זָא וַוייט פֶערְצוֹיגֶען
וָואס קוּמֶען קָאנְסְטוּ נִיט צוּ מִיר ?
ווִיהִין פְלִיהְסְטוּ אַרוּם אִין דֶער ווִיסְטֶע,
וואוּ דֶערְנֶער דָארְט שְׁטֶעכֶען דַיין בְּלִיק ?
אִין וֶועלְדֶער אִין ווִילְדֶע אוּנ וואוּ פוּסְטֶע —
אָ, קוּם שׁוֹין מַיין פֵיגֶעלֶע צוּרִיק !

אָט דָאס לִיֶעדֶעלֶע זִינְג,
זִינְג פֵייגֶעלֶע זִינְג
דִי צַייט פוּן פְלִיהֶען (בִּיס)
וואוּ זִיךְ אָפּ צוּ רוּהֶען:
וֶועט קוּמֶען פֵייגֶעלֶע זִינְג !

2.

קוּם דוּ מַיין פוֹיגֶעל מִיר זִינְגֶען,
זִינְגֶען יָא קוּם שׁוֹין צוּ מִיר !
דַיין שְׁטוּמֶע זָאל מִיר דָא אָפּ קְלִינְגֶען
דַיין לִיֶעדֶעל דָאס אַלְטֶע פוּן פְרִיהֶר ;
דָאס לִיֶעדֶעלֶע דַיינְס מִיט דַיין שְׁטִימֶע
וָואס דוּ הָאסְט אַלֵיין דָא פֶערְפַאסְט,
דַיין לִיֶעדֶעל דָאס אַלְטֶע דָאס פְרוּמֶע :
וָואס הָאט דִיךְ דַיין לֶעבֶּען גֶעקָאסְט . . .

אָט דָאס לִיעֶדעלֶע זִינְג,
זִינְג פֵייגֶעלֶע זִינְג,
די צַייט פון פְלִיהֶען (בּיס)
וואוּ זִיךְ אָפּ צוּ רוּהֶען:
וֶועט קוּמֶען פֵייגֶעלֶע זִינְג!

3.

די צַייט וֶועט קוּמֶען, יָא קוּמֶען,
קוּמֶען וֶועט זִי מִיט אִיהְר גְלַאנְץ...
אוּנ דוּ וֶועסְט דִיר פְלֶעכְטֶען פוּן בְּלוּמֶען:
אַ לִיעֶבְּלִיכֶען פְרֶעכְטִיגֶען קְרַאנְץ;
אַ קְרַאנְץ פוּן בְּלוּמֶען קוּלִיעֶרֶען
וֶועט שַיינֶען פוּן דִיר אַלְלֶערְלֵיי,
פוּן דַיין קָאפּ וֶועט אַרָאפּ שִׁמִירֶען —
אוּנ דוּ וֶועסְט זִינְגֶען צוּ זֵיי.

אָט דָאס לִיעֶדעלֶע זִינְג,
זִינְג פֵייגֶעלֶע זִינְג,
די צַייט פוּן פְלִיהֶען (בּיס)
וואוּ זִיךְ אָפּ צוּ רוּהֶען:
וֶועט קוּמֶען פֵייגֶעלֶע זִינְג!

4.

מִיר זִינְגֶען קוּם דוּ דַיינֶע טְרֶעלֶען
דַיין לִיעֶבְּלִיכֶען גֶעטְּלִיכֶען שִׁיר,
דַיין הִימְמֶעל וֶועט הוֹיבֶּען אָנְקְוֶועלֶען
אוּנ זִינְגֶען וֶועט עֶר אוֹיךְ מִיט דִיר;
די זוּנְן, די לְבָנָה, די שְׁטֶערֶען:
וֶועלֶען שֵׁיינְקֶען דִיר הֶעל זַייעֶר בְּלִיק

אוּנ דוּ מַיין פוֹיגֶעל וֶועסְט וֶוערֶען :
דֶער בֶּערִיהְמְטֶער זִינְגֶער צוּרִיק ! . .
אָט דָאס לִיעֶדעלֶע זִינְג ,
זִינְג פֵייגֶעלֶע זִינְג
דִי צַייט פוּן פְלִיהֶען (בִּים)
וואוּ זִיךְ אָפּ צוּ רוּהֶען :
וֶועט קוּמֶען פֵייגֶעלֶע זִינְג !

יעקב פאסטאווסקי.

# בַּיי דֶער תְפִילָה.

אַ הֵיילִיגֶער שוֹידֶער בֶּעוֶועגְט מַיינֶע גְלִיעֶדֶער
ס'קְלֶעמְט מִיךְ בַּיים הַארְצֶען אוּנ צִיפֶּעט ,
ס'שֶׁעפְּטְשֶׁען דִי לִיפֶּען מִיט כַּוָונָה אִין סִידוּר ,
עֶפֶּעס וֵויינְט זִיךְ אַלֵיין אוּנ ס'חְלִיפֶּעט !
פְלַאמֶענְד צוּ גְלִיהֶען דִי גֶעטְטְלִיכֶע פוּנְקֶען ,
וָואס לִיעֶגֶען אִין טִיעֶפֶען פֶערְבָּארְגֶען ,
דֶער וַוארֶעמֶען הֵיים , דִי גֶעפִיהְלֶען וָואס זוּנְקֶען :
אִין קְוֶועלֶע פוּן קוּמֶער אוּנ זָארְגֶען . . .

אוּנ וַוארֶעמֶע טְרֶעהְרֶען פְלִיסֶען וִוי וַואסֶער
בֶּעפַייכְטֶען דִי לֶעבְּלָאזֶע תְפִילוֹת ,
אוּנ דִי שָׁאטֶענְס—מִינוּט צוּ מִינוּט וֶוערֶען בְּלַאסֶער !
וִוי זִים , קְלִינְגְט דֶער פֵּרוּשׁ הֲמִלּוֹת !
אוּנ פֶערְבָּארְגֶענֶע כחות : קְרֶעפְּט מַיינֶע בֵּיינֶער ,
בֶּעלֶעבְּט אִין מִיר נַיי מַיין גֶעמִיטְה —
ס'קוֹיְקְלֶען פוּן הַארְצֶען אַרָאפּ שְׁוֶוערֶע שְׁטֵיינֶער . . .
אוּנ גְרִינְג פִיהְלְט זִיךְ , גְרִינְג—אַזוֹי גוּט !!!

בנצ יון לעווין

# אַ מאַרק פון זְשאַרְגָאן בִּיכֶער.

אִין מַיין קְלֵייטֶעל
אִיז פַארַאנֶען,
שֵׁינֶע מַעֲשֶׂה׳ס
און רָאמַאנֶען.
פון אַלְלֶע שְׁרַייבֶּער,
פון דִי בֶּעסְטֶע
פון דִי קְלִיגְסְטֶע,
פון דִי גְרֶעסְטֶע.
נִיט פון דִי נָאר
וָואס זֵיי שְׁפֶּעטֶען,
נָאר פון דִיכְטֶער
און פָּאעֶטֶען;
הָאבּ אִיךְ בִּיכֶער
גְרויסֶע און קְלֵיינֶע
און מִיט טֶעוֶועלֶעךְ
גַאנְץ שֵׁיינֶע...
אויף גְרָאבּ פַּאפִּיֶער
עֶרְשְׁטֶען סָארְט,
און מִיט נֶקֻדוֹת
יֶעדֶעס וָוארְט!
בִּיכֶער, בִּיכְלֶעךְ,
אַלְלֶערְלֵיי,
דִי נֶעמֶען יוּדֶען,
הֶערְט פון זֵיי:
אִיהְר קְרִיגְט לְמָשָׁל,
אַ נַייֶעם לוּחַ:
אויף טויזֶענְד בְּלַאט
אַ גְרָאבֶּען בּוּךְ;
מִיט לְיֶעדֶער, וִויצֶען,
פַיינֶע זַאכֶען,
שֵׁיינֶע עֶרְצֶעהְלוּנְגֶען,
צוּם לַאכֶען.
בִּיכְלֶעךְ הָאבּ אִיךְ
פון פֶּערְפַאסֶער —
חָכְמוֹת פְּלִיסֶען
דָארְט וִוי וַואסֶער;
אָט אִיז אֵיינְס:
„פַּלְטִיאֵל אָקְס"
און נָאךְ אַ שֶׁענֶערְס,
„יוֹסֵף לָאקְשׁ";
„גֶעוַואלְד מַיין בָּארְד"
און „שִׂמְחָה פְּלַאכְט"
און „דִי גְרֶעפֶּען
אִיבֶּער נַאכְט";
און נָאךְ אַ בִּיכֶעל
הָאבּ אִיךְ טַאקֶע:
„דִי רְפוּאָה
פַאר דֶער מַכָּה".
„אַ פַּאטְשׁ פון זַיין
לְיֶעבֶּען נָאמֶען"
אִיז בַּיי מִיר נָאר
צוּ בֶּעקוּמֶען.

„פון דֶער חוּפָּה
צום טויט"
פון „אויס כַּלָה —
וַוייטֶער מויד".
„דֶער אַנְטְלָאפֶענֶער
סָאלְדַאט"
און „אַ כַּלָה
אויף פְּרָאקַאט".
גָאר אַ נַייֶעס,
פַּאר ווינְצִיג גֶעלְט
קויפְט „אַ טַאטֶען
פון יֶענֶער וֶועלְט!"
„מַאדַאם פְּלָאטֶקע"—
אַ רָאמַאן
און נָאך אַ נַייֶעס,
„דֶער גוּטֶער מַאן".
נָאך אַ בִּיכֶעל
דַוְקָא אַ קְלֵיינְס,
קְרִיגְט אִיהְר בַּיי מִיר
גָאר אַ שֵיינְס:
„דִי מוּמֶע טָאלְצֶע"
אַיין אַנְטִיק,
עֶרְשְט אַרויס נָאר
פון דֶער דְרוּק!
„דִי רֶעטָאנְדֶע"
„דֶער טֶעלֶעפָאן"
און „דֶער צויבֶּערֶער
אַלְקַאדְרָאן";

און „אַ חָתָן
אויף אַ ווַיילֶע"
אִיז נָאך שֶענֶער
גָאר פון אַלְלֶע.
און „צְווֵיי מֵתִים
גֶעהֶען טַאנְצֶען"
און נִישְט נָאר דִי
הָאבּ אִיךְ אִין גַאנְצֶען,
אִיךְ הָאבּ און הָאבּ
און הָאבּ זֵיי נָאךְ:
נַייֶע הָאבּ אִיךְ
זֵיי אַלְלֶע וָואךְ. —
אַנֶעק,—נָא זָאגְט,
וֶוער אִיז אַ קוֹנֶה?
מַעֲשֶׂה'ס הָאבּ אִיךְ
נָאךְ אַזוֹינֶע!..

* * *

און נָאךְ אַ יוּדֶעל
אוּנְטֶערֶען אָרֶעם
טְרָאגְט אַ קוישֶעל
פוּל מִיט סְפָרִים.
און אויף אַ קוֹל
רוּפְט עֶר שְרַייֶעט:
קוּמְט אַהֶער קוֹנִים,
שְפָּארְט קֵיין צַייט!
קויפְט זְשֶע אויךְ יוּדֶען,
אִין זְשַארְגָאן,

נִיט קֵיין מַעֲשֶׂה,
קֵיין רָאמַאן.
קוֹיפְט דֶעם אַלְטֶען
בּוּך פוּן יוּד,
וָואס גֶעשְׁרִיבֶּען
אִיז מִיט בְּלוּט...
דִי „פָּאלְקְס גֶעשִׁיכְטֶע",
דַארְפְט אִיהְר לִיעֶבֶּען,
וַוייל פַאר אַייך
אִיז זִי גֶעשְׁרִיבֶּען,
פוּן דֶעם אָנְהוֹיב
בִּיז אִין לֶעצְט,
אִין זְשַארְגָאן
פְרַיי אִיבֶּערְזֶעצְט;
דָאס גַאנְצֶע לֶעבֶּען
פוּן דֶעם יוּדֶען,
וִוי שְׁלֶעכְט גֶעלֶעבְּט
אוּנ וואו צוּ פְרִיעֶדֶען,
וֶוערְט אִין בּוּך
דָא אַלְץ דֶערְמָאנְט,
לֵייעֶנט זְשֶע יוּדֶען,
וֶוערְט בֶּעקַאנְט.
דֶער „יוּדֶענְשְׁטַאט"
אִיז בַּיי מִיר דָא,
בֶּערִיהְמְטֶע רֵיידֶעס
פוּן „מַאקְס נָארְדוֹי",
וֶועלְט-גֶעשִׁיכְטֶען,
שִׁירִים, לִיעֶדֶער,
קוֹיפְט אוּנ לֶערֶענְט,
שְׁוֶועסְטֶער בְּרִידֶער.
וָואס טוֹיג אַייך לֶעזֶען
אַזוֹינֶע זַאכֶען,
וָואס נִיט נוּצְלִיך,
נָאר צוּם לַאכֶען,
צוּ קָאנֶען אַייך
דִי אַלְלֶע וִויצֶען,
בְּרֵיינְגֶען לֶעהְרֶע
וָואס זָאל נוּטְצֶען.
אִין אַלְלֶע בִּיכְלֶעך,
יֶענֶע דָארְט,
הָאט אִיהר נִיט
קֵיין וִויכְטִיג וָוארְט:
פוּן רַייכֶע בֶּעלֶער,
מַאסְקַארַאדֶען,
אוּנ פוּן קְלֵיידֶער,
פוּן נַארַאדֶען,
שְׁרַייבְּט דֶער שְׁרַייבֶּער
פְלַייסִיג גִיך,
אַלְלֶע טָאג
אַיין אַנְדֶער בּוּך.
אוּנ בַּיי דִי בִּיכְלֶעך
טִיעֶף פֶערְטְרַאכְט,
זִיצְט אִיהְר יוּדֶען
שְׁפֶּעט בַּיי נַאכְט,
אוּנ וָואס נֵייטְהִיג
אִיז אוּנ טַייֶער.

צִינְדְט אִיהְר אוּנְטֶער
אוֹיף דֶעם פַייֶער !..
טָא פָּאלְגְט מִיךְ יוּדֶען,
נֶעמְט דִי בִּיכֶער :
טְרַאכְט נִיט לַאנְג

אוּנ וַוארְפְט זֵיי גִיכֶער!
אַלֶלֶע בִּיכֶער,
וָואס נָאר פּוּסְט !
וַוארְפְט זֵיי אַלְלֶע —
אוֹיף דֶעם מִיסְט !..

יעקב פאסטאווסקי.

## צוּם דִיכְטֶער.

וִוילְסטוּ פְּרַיינְד נָאר שְׁרַייבֶּען שִׁירִים ?
דִיךְ רֵייצְט דִי לוּסְט, דֶער נָאמֶען דִיכְטֶער,
וַוארְף דַיין עֶהְרֶע-גֶעפִיהְל — פֶּערְלִיהְר אִיהְם.—
יֶעדֶער מִינְדְסְטֶער אִיז דַיין רִיכְטֶער.

וִוי אַ צוּנְג נָאר — נֶעמְט זִיךְ רֶעכְטֶע,
אֵיינֶער לוֹיבְט דֶער צְוֵוייטֶער שְׁפֶּעט,
אוּנ בְּלוֹיס נָאר לֵיידֶען אוּמְגֶערֶעכְטֶע...
קְלֶעקְט אִין לֶעבֶּען דֶעם פָּאֶעט ! —

בנציון לעווין.

# אינהאלט.


| №№ | | | זייטע. |
|---|---|---|---|
| 1. | נישטא אונזער ברודער | (י. פאסטאווסקי) | 3. |
| 2. | * * * | (י. פאסטאווסקי) | 4. |
| 3. | מיין ערשט בלעטעל | (ב. לעווין) | 4. |
| 4. | א אסיען בילד | (י. פאסטאווסקי) | 5. |
| 5. | הערבסט | (ב. לעווין) | 6. |
| 6. | וועק זיי אויף | (י. פאסטאווסקי) | 7. |
| 7. | עס לאזט זיך האפען | (ב. לעווין) | 8. |
| 8. | אומזיסט געדעדט | (י. פאסטאווסקי) | 11. |
| 9. | איך זוך | (ב. לעווין) | 16. |
| 10. | דאס וואנדער־פייגעלע | (י. פאסטאווסקי) | 17. |
| 11. | טרעהרען | (ב. לעווין) | 19. |
| 12. | ר׳ מאנעש אין משוגעים-הויז | (י. פאסטאווסקי) | 20. |
| 13. | די הויכע פיראמידע | (ב. לעווין) | 24. |
| 14. | קינרער ליעדער | (י. פאסטאווסקי) | 28. |
| 15. | פריהלינגס־ליעד | (ב. לעווין) | 29. |
| 16. | אין שלאף | (י. פאסטאווסקי) | 30. |
| 17. | ביז וואנען | (ב. לעווין) | 31. |
| 18. | אויף קבר אבות | (י. פאסטאווסקי) | 32. |
| 19. | ראטעוועט | (י. פאסטאווסקי) | 34. |
| 20. | די שטיינערנע חורבה | (ב. לעווין) | 38. |
| 21. | נישטא אויף פסח | (י. פאסטאווסקי) | 39. |
| 22. | פריהלינגס־ליעדער | (י. פאסטאווסקי) | 40. |
| 23. | מיין אלטער אונטערגאנג | (ב. לעווין) | 43. |
| 24. | די יודישע פאפיראסען מאכערען | (י. פאסטאווסקי) | 44. |
| 25. | א חלום | (י. פאסטאווסקי) | 45. |
| 26. | איין ארבייטס ליעדעל | (י. פאסטאווסקי) | 47. |
| 27. | אייטע | (י. פאסטאווסקי) | 51. |
| 28. | ביי די חנוכה־ליכטליך | (ב. לעווין) | 52. |
| 29. | ביי ליכט בענטשען | (י. פאסטאווסקי) | 53. |
| 30. | זינג פייגעלע זינג (א ליעד מיט א מעלאדיע) | (י. פאסטאווסקי) | 57. |
| 31. | א תפילה | (ב. לעווין) | 59. |
| 32. | א מארק פון זשארנאן ביבער | (. פאסטאווסקי) | 60. |
| 33. | צום דיכטער | (ב. לעווין) | 63. |

פרייז 30 קאפ׳